בעזהשי"ת

ספר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

אידיש

פָּרָשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ

תשע"ח

היכל הקודש

הכתובת להשיג את הספר הקדוש הזה וכל ספרי
אדמו"ר מוהר"ן מברסלב זי"ע וספרי תלמידיו הקדושים

To obtain this and other Breslov publications:

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh Williamsburg
27 Skillman Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh Boro Park
1011 41 Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
**845-467-5299**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
**845-243-0563**

**היכל הקודש בלומינגראוו**
Heichal Hakodesh Bloominggrove
24 Merriewold Ln S
**845-379-1161**

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh Monsey
32 Dolson Rd.
**347-733-7551**

**בארץ ישראל**
**מוסדות "היכל הקודש" חסידי ברסלב**
שע"י עמותת "ישמח צדיק-קהילת ברסלב בגליל"
בהתייסדות ע"י כ"ק מוהרא"ש זצוק"ל
רחוב רבי נחמן מברסלב 1 ת.ד. 421 יבנאל 15225
טלפון רב קווי 04-6708356
פקס: 04-6708359

**Visit Our Web Site:**
**www.breslevcenter.com**
לשמוע השיעורים 212-444-9191

**Find our entire book selection at: amazon.com**

**To donate and/or sponsor one of our books please call: 845-248-1651**

**די יום הולדת פון מוהרא"ש זכותו יגן עלינו - די באדייט דערפון; די רחמנות פון מוהרא"ש; מוֹהֲרָא"ש אוֹהֵב יִשְׂרָאֵל הָיָה.**

בעזרת ה' יתברך - יום א' פרשת בהר בחקותי, כ"א אייר, יום הולדת מוהרא"ש זי"ע, ל"ו לעומר, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

היינט איז זייער א גרויסער טאג; היינט איז דער יום הולדת פון מוהרא"ש זכותו יגן עלינו.

מיר דארפן דאנקען דעם אייבערשטן אז מיר האבן זוכה געווען צו האבן אין אונזער דור מוהרא"ש און אז מיר האבן די זכיה צו וויסן פון מוהרא"ש.

מוהרא"ש האט גענומען דעם הייליגן רבינ'ס ספרים און דאס אראפ געברענגט פאר אונז קליינע מענטשן מיט א מורא'דיגע קלארקייט לעובדא ולמעשה, אז מיר זאלן זוכה זיין צו האבן א גוט לעבן.

מוהרא"ש פלעגט זאגן אז ער איז געבוירן געווארן אין די ספירה פון "**חסד שביסוד**", ווייל ער איז מחזק די אלע וואס פאלן נעבעך אראפ אין מידת היסוד; אויף זיי אלע איז מוהרא"ש מלמד זכות צום אייבערשטן אז זיי זענען נישט שולדיג, בפרט בחורים וואס ווילן חתונה האבן און עס גייט זיי נישט קיין שידוך.

"מיין זאך איז בחורים" - פלעגט מוהרא"ש שטענדיג זאגן; "איך בין אראפ געקומען אויף דער וועלט אויפצוהייבן בחורים און זיי ווייזן א וועג ווי אזוי זיך צו דערהאלטן".

דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב', סימן ז): "מִי שֶׁהוּא רַחֲמָן, הוּא יָכוֹל לִהְיוֹת מַנְהִיג" ווער קען זיין א מנהג ישראל? דער וואס האט רחמנות אויף אידישע קינדער, "כִּי עִקַּר הָרַחֲמָנוּת הוּא כְּשֶׁיִּשְׂרָאֵל עַם קָדוֹשׁ נוֹפְלִין, חַס וְשָׁלוֹם, בַּעֲווֹנוֹת, רַחֲמָנָא לִצְלַן, כִּי זֶהוּ הָרַחֲמָנוּת הַגָּדוֹל מִכָּל מִינֵי רַחֲמָנוּת", ווייל דער עיקר רחמנות איז ווען אידישע קינדער פאלן אראפ אין עבירות רחמנא לצלן, דאס איז דער גרעסטע רחמנות פון אלע רחמנות. און דער רבי איז מסביר: "וּבֶאֱמֶת, מֵהֵיכָן בָּאִים לַעֲווֹנוֹת, חַס וְשָׁלוֹם?" ווי אזוי קען מען ארויס נעמען אידישע קינדער פון עבירות, ווייל באמת פון ווי קומט בכלל צו א מענטש ער זאל זינדיגן חס ושלום? "הוּא רַק עַל יְדֵי שֶׁאֵין לוֹ דַּעַת", דאס איז נאר ווייל ער ווייסט נישט אז דער אייבערשטער איז מיט אים, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (סוטה ג.): "אֵין אָדָם עוֹבֵר עֲבֵרָה אֶלָּא אִם כֵּן נִכְנַס בּוֹ רוּחַ שְׁטוּת", א מענטש זינדיגט נישט נאר נאכדעם וואס עס גייט אריין אין אים א רוח שטות, ער מיינט אז דער אייבערשטער זעט נישט וואס ער טוט, ער מיינט אז ער איז שוין סיי ווי פארפאלן וכו', "וְזֶהוּ הָרַחֲמָנוּת הַגָּדוֹל מִן הַכֹּל, שֶׁצְּרִיכִין לְרַחֵם עָלָיו לְהַכְנִיס בּוֹ דַּעַת",

ממילא איז דאס דער גרעסטע רחמנות, מען זאל אריין ברענגען אין אים דעת, ער זאל וויסן אז דער אייבערשטער האט אים נאך אלץ ליב און ער קען נאך תשובה טון, אזוי ווי עס שטייט (תהלים מא, ב): "אַשְׁרֵי מַשְׂכִּיל אֶל דָּל", וואויל איז דעם וואס ברענגט אריין שכל אין אן ארימאן, "כִּי 'אֵין עָנִי אֶלָּא מִן הַדַּעַת (נדרים מא.)' וּצְרִיכִין לְרַחֵם עָלָיו, לְהַכְנִיס בּוֹ דַּעַת", ווער איז אן ארימאן? דער וואס האט נישט קיין שכל, אויף די דארף מען רחמנות האבן און אריין ברענגען אין זיי שכל. דאס טוט א צדיק, ער ברענגט אריין אינעם מענטש שכל צו וויסן אז דער אייבערשטער איז מיט אים, ביי אים און נעבן אים, ער איז אים משמח און מחזק ער זאל וויסן אז ער קען נאך אויך צוריק קומען צום אייבערשטן - אזא איינער קען זיין א מנהיג ישראל.

דאס איז געווען מוהרא"ש זכרונו לברכה, ער האט זיך זיין גאנץ לעבן מוסר נפש געווען פאר אידישע קינדער, בשעת ער האט גארנישט געהאט און איז געווען ביי זיך צעבראכן אויף פיץ פיצלעך, אבער פון דער אנדערע זייט איז ער געווען שטארק ווי א לייב ווייטער צו מחזק זיין אידישע קינדער.

ביי די וועלט איז אנגענומען אז א צדיק איז איינער וואס זעט אויס אינטערעסאנט; ער פירט זיך אויף אנדערש פון דער סדר העולם, וואס מען דארף טון בייטאג טוט ער ביינאכט, וואס מען דארף טון ביינאכט טוט ער בייטאג, ער מאכט פאקסן וכו'. אבער מיר ווייסן וואס דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב', סימן קטז): "יֵשׁ טוֹעִים סוֹבְרִים, שֶׁצְּרִיכִין לְהַכִּיר אֶת הַצַּדִּיק אוֹ שְׁאָר דָּבָר שֶׁבִּקְדֻשָּׁה לְהַכִּירוֹ בְּפָנָיו בְּצַלְמוֹ וּדְמוּתוֹ, שֶׁיִּהְיֶה מְשֻׁנֶּה בִּדְמוּתוֹ וּבִתְנוּעוֹתָיו דַּיְקָא, וּבֶאֱמֶת לֹא כֵן הוּא. כִּי הַצַּדִּיק הוּא בִּדְמוּת וְצֶלֶם כְּכָל הָאֲנָשִׁים וְאֵין בּוֹ שׁוּם שִׁנּוּי, וְאַף-עַל-פִּי-כֵן הוּא עִנְיָן אַחֵר לְגַמְרֵי"; מענטשן זענען זיך טועה, מען מיינט אז א צדיק דארף מען דערקענען פון אינדרויסן - פון זיין אנטון, פון זיין פנים וכו', אבער עס איז נישט אזוי - זאגט דער רבי, דער צדיק זעט אויס פון אינדרויסן פונקט ווי א צווייטער, נאר דער חילוק איז, אז זיין פנימיות איז גאר אן אנדערע ענין, עיין שם.

ביי מוהרא"ש האט מען נישט געזען קיין משוגעת'ן און קיין שום תנועות משונות אדער הנהגות משונות וכו'; איין זאך האט מען געזען, ווי ער גייט אויס פאר אידישע קינדער, ער האט געטון און געטון פאר א צווייטן במשך זיין גאנץ לעבן.

מוהרא"ש פלעגט שטענדיג חזר'ן דעם מאמר חז"ל (מנחות סה.): "מֹשֶׁה אוֹהֵב יִשְׂרָאֵל הָיָה", משה רבינו האט ליב געהאט יעדן איד, און וועגן דעם האט ער זיך מוסר נפש געווען פאר אידישע קינדער; דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן עט): "משה רבינו האט זיך מוסר נפש געווען פאר אידישע קינדער ווייל ער האט געוואוסט דאס גרויסקייט און דאס חשיבות פון אידן; אזוי אויך איז דא אין יעדן דור צדיקים וואס

זענען זיך מוסר נפש פאר אידישע קינדער. זיי זענען מלמד זכות אויף אידישע קינדער אזוי ווי משה רבינו, זיי העלפן זיי זענען מחזק און מאכן פרייליך אידישע קינדער"; דאס זעלבע איז געווען מוהרא"ש, "מוֹהֲרָא"ש אוֹהֵב יִשְׂרָאֵל הָיָה", מוהרא"ש האט ליב געהאט יעדן איד, און עס איז אים געגאנגען אין לעבן אז נאך א איד זאל וויסן פונעם אייבערשטן.

דערפאר דארפן מיר זיך זייער פרייען און דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן אז מיר האבן זוכה געווען צו האבן אין אונזער דור אזא גרויסער צדיק, און מיר דארפן גיין אין די וועגן פון דעם צדיק; מיר זאלן אויך עוסק זיין אין מקרב זיין אידישע קינדער לאביהם שבשמים כדי מיר זאלן זיך נישט דארפן שעמען פון די צדיקים ווען מיר וועלן ארויפקומען אויבן אין הימל.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

דעם מיטוואך וועט אם ירצה ה' זיין א שיעור פאר די פרויען, זע שוין אויסצורעכענען אז דיין ווייב זאל קענען קומען, נאר דו וועסט מרוויח זיין פון דעם.

...

~~~~~~~~~~~

**יום הולדת פון מוהרא"ש; ביי קברי צדיקים ווערט מען געהאלפן**

בעזרת ה' יתברך

יום א' פרשת בה"ב, כ"א אייר, יום הולדת מוהרא"ש זי"ע, ל"ו לעומר, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

היינט איז זייער א גרויסער טאג, עס איז היינט דער יום הולדת פון מוהרא"ש זכותו יגן עלינו.

ביי אידן מאכט מען נישט קיין עסק פון א יום הולדת; די איינציגסטע מאל וואס מיר געפונען אין די תורה וועגן א יום הולדת איז ביי פרעה, אזוי ווי עס שטייט (בראשית מ, כ): "יוֹם הֻלֶּדֶת אֶת פַּרְעֹה"; דעריבער מאכט מען נישט קיין עסק פון קיין יום הולדת, דאס איז ביי סתם מענטשן; אבער ביי צדיקים וואס האבן געטוישט די וועלט צום גוטן מאכט מען יא אן עסק פון זייער יום הולדת. מען דאנקט דעם אייבערשטן אויף זיינע גרויסע חסדים אז מען האט זוכה געווען צו האבן א צדיק וואס זאל אונז ברענגען צו תורה, תפילה און מעשים טובים.

וויפיל מיר זאלן נאר רעדן פון מוהרא"ש איז דאס ווי א טראפל וואסער אינעם גרויסן ים; מוהרא"ש האט זיך אוועק געגעבן זיין גאנץ לעבן פאר אידישע קינדער, ער
~~~~~~~~~~~

האט נאר געוואלט אז נאך א איד זאל זיין נאנט צום אייבערשטן, און איז שטענדיג ארום געגאנגען מיט א רצון צוריק צו ברענגען די גאנצע וועלט צום אייבערשטן.

איך בין היינט פארטאגס געווען ביים ציון פון האדמו״ר מליובאוויטש זכותו יגן עלינו און פון זיין שווער דער פריערדיגער ליובאוויטשער רבי דער ריי״ץ זכותו יגן עלינו וואו איך האב אסאך געדאוונט פאר דיר; איך האף אז דו וועסט בקרוב זען גרויסע ניסים אין דיין לעבן.

איך וואלט דיר גע׳עצה׳ט זאלסט אויך אזוי טון; גיי צו קברי צדיקים מתפלל זיין, ווייל דער רבי זאגט (ספר המדות, אות צדיק, סימן קעג): ״עַל יְדֵי הִשְׁתַּטְּחוּת עַל קִבְרֵי הַצַּדִּיקִים, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עוֹשֶׂה לוֹ טוֹבוֹת, אַף עַל פִּי שֶׁאֵינוֹ רָאוּי לְכַךְ״, ווען מען גייט מתפלל זיין ביי קברי צדיקים העלפט דער אייבערשטער, אפילו דער מענטש איז נישט ראוי מען זאל אים ענטפערן; עס נעמט אינגאנצן אפאר מינוט זיך אריבער צו כאפן קיין קווינס צום ציון פון אדמור״י ליובאוויטש זכותם יגן עלינו, פארטאגס נעמט דאס א קנאפע פינף און צוואנציג מינוט. אדער כאפ זיך אריבער קיין מאנרא צום ציון פון סאטמאר׳ער רבי זכותו יגן עלינו - וועסטו זיכער זען גרויסע ניסים וואס דער אייבערשטער וועט מאכן מיט דיר.

איין זאך בעט איך דיר: פארליר זיך נישט און געב נישט אויף; זאג נישט אז עס איז נישט דא קיין וועג ארויס פאר דיר, טראכט נישט אנטקעגן די אמונה. אנשטאט דו זאלסט זיך אויפעסן א גאנצן טאג צוליב דיין צרה און זוכן וועם צו באשולדיגן אין דיין פראבלעם; איין מינוט באשולדיגסטו זיך אליינס; די קומענדיגע מינוט באשולדיגסטו דיין ווייב, א מינוט נאכדעם באשולדיגסטו דיין שדכן וכו׳; ענדערש נוץ אויס די צייט צו חזר׳ן דעם פסוק (דברים לב, ד): ״הַצּוּר תָּמִים פָּעֳלוֹ, כִּי כָל דְּרָכָיו מִשְׁפָּט, אֵל אֱמוּנָה וְאֵין עָוֶל, צַדִּיק וְיָשָׁר הוּא״, אלעס וואס דער אייבערשטער טוט, איז מיט א פונקטליכער חשבון.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~~

**ביי מחלוקת פארלירן אלע זייטן**

בעזרת ה׳ יתברך - יום א׳ פרשת בה״ב, כ״א אייר, יום הולדת מוהרא״ש זי״ע, ל״ו לעומר, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.
~~~~~~~~~~~

וויסן זאלסטו דעם כלל אין לעבן: "ווען דו זעסט צוויי מענטשן קריגן זיך, לייג נישט אריין דיין קאפ צווישן זיי, ווייל דו וועסט נאכדעם ליידן פוןביידע און דו וועסט זיין שולדיג פאר אלעמען".

שלמה המלך זאגט (משלי כו, יז): "מַחֲזִיק בְּאָזְנֵי כָלֶב עֹבֵר, מִתְעַבֵּר עַל רִיב לֹּא לוֹ", ווען א מענטש מישט זיך אריין אין א פרעמדע מחלוקת איז ער צוגעגליכן צו איינער וואס כאפט אן א הינט ביי זיינע אויערן; דו פארשטייסט אליין אז ווען איינער דערנענטערט זיך צו א הונט און ציט אים זיינע אויערן וועט ער כאפן א ביס פונעם הונט, אזוי אויך אויב דו וועסט זיך אריינמישן אין די מחלוקה וועט נאכדעם די גאנצע מחלוקה פאלן אויף דיר.

חכמינו זכרונם לברכה דערציילן (ברכות נו.): רבא איז געזיצן אין בית המדרש, פלוצלינג האט ער געהערט א געשריי, צוויי בלינדע מענטשן האבן זיך געקריגט, איז רבא צוגעגאנגען און אפגעטיילט איינער פונעם צווייטן, האבן זיי זיך גענומען שלאגן רבא; זעט מען פון דעם אז עס איז נישט כדאי צו זיין פארמישט אין א קריגערייי. געדענק וואס דער רבי זאגט (ספר המידות, אות פחד, חלק ב', סימן ג): "מִי שֶׁבּוֹרֵחַ מִן הַצָּרָה, הוּא פִּקֵּחַ", ווער עס אנטלויפט פון א צרה איז א קלוגער מענטש.

מיט דעם וואס דו וועסט זיך פירן ווי עס דארף צו זיין וועסטו מאכן א נחת רוח פאר דיינע עלטערן, דו וועסט זיי צוגעבן יארן צום לעבן, אזוי ווי דער הייליגער רבי זאגט (ספר המידות, אות בנים, סימן מב): "בָּנִים הַטּוֹבִים - רְפוּאָה גְּדוֹלָה לָאָבוֹת", גוטע קינדער היילן אויס די עלטערן; לאז אפ דיינע געשוויסטער וכו' וועט דיר דער אייבערשטער העלפן אז דו וועסט האבן נחת ביי דיינע קינדער.

זע צו זאגן יעדן טאג אביסל תהילים; אלע ישועות ליגן אין תהילים, ווער עס זאגט תהילים ווערט זיין אמונה שטארק. עס ליגט א גרויסע קדושה אין די ווערטער פון תהילים, און ווען מען זאגט תהילים איז אזוי ווי דוד המלך האט דאס געזאגט.

וואויל איז דעם מענטש וואס פירט זיך בתמימות ופשיטות, ער טרינקט אפאר קאפיטלעך תהילים יעדן טאג (שיחות הר"ן, סימן כג); וועט אים גוט זיין אויף די וועלט און אויף יענע וועלט.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~~

**זיך אויפפרישן אין מעביר סדרה זיין; א וואך וואס מען איז מעביר סדרה האט מען א געבענטשטע וואך; די טעג און יארן לויפן גאר שנעל - מ'דארף ארייכאפן;**
~~~~~~~~~~~

**מ׳דארף זיך שטענדיג פרעגן: ״וואו בין איך אויף דער וועלט?״; וואס הייסט א מופת?; עס איז א גרויס רחמנות אויף די וואס זענען נישט מקורב צום רבי׳ן, און אויף די וואס זענען מקורב אבער פאלגן נישט; זען צו קומען צום וועכנטליכן שיעור און אויך זען אז די ווייב זאל קענען קומען צום חודש׳ליכן צוזאמקום.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ב׳ פרשת בהר בחקותי, כ״ב אייר, ל״ז לעומר, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

די וואך גייט צוויי סדרות, דעריבער ווארט נישט אויף סוף וואך נאר הייב היינט אן מעביר סדרה זיין. עס ווערט גע׳פסק׳עט אין שלחן ערוך (אורח חיים סימן רפה, סעיף ג): ״מִיּוֹם רִאשׁוֹן וְאֵילָךְ נִקְרָא עִם הַצִּבּוּר״, פון זונטאג קען מען שוין מעביר סדרה זיין; דער משנה ברורה זאגט (שם) אז דער הייליגער גר״א זכותו יגן עלינו האט זיך אזוי געפירט; יעדן טאג פון די וואך האט ער מעביר סדרה געווען די חלק פון דעם טאג. זונטאג ביז שני, מאנטאג ביז שלישי און אזוי ווייטער; ווער עס גייט אויף דעם וועג און ער איז יעדן טאג מעביר סדרה איז ער זוכה צו ענדיגן די פרשה, וואס דאס איז א סגולה פאר אריכות ימים (ברכות ח:).

א וואך וואס מען איז מעביר סדרה וועט מען האבן א געבענטשטע וואך, און א וואך וואס מען איז נישט מעביר סדרה וועט מען האבן א הפסד מיט געלט אדער נאך ערגערס חס ושלום; אויב מען שטופט עס אפ ביז פרייטאג קען אריבער גיין די וואך אן מעביר סדרה זיין און מען האט נישט קיין שמירה, דעריבער איז גוט מען זאל שוין אנהייבן פון אנהייב וואך, יעדן טאג לערנט מען אביסל חומש תרגום און רש״י, און דאס איז א שמירה עליונה אויפן מענטש.

אז מען טראכט אריין זעט מען אז די טעג פליען אריבער אזוי ווי א שאטן, ״כַּצֵּל יָמֵינוּ עַל הָאָרֶץ וְאֵין מִקְוֶה״ (דברי הימים-א כט, טו), זאגן אויף דעם חכמינו זכרונם לברכה (בראשית רבה צו, ב): ״הַלְוַאי כְּצִלּוֹ שֶׁל כּוֹתֶל, אוֹ כְּצִלּוֹ שֶׁל אִילָן, אֶלָּא כְּצִלּוֹ שֶׁל עוֹף בְּשָׁעָה שֶׁהוּא עָף״, הלואי זאלן אונזערע טעג זיין אזוי ווי א שאטן פון א וואנט וואס נעמט אביסל צייט ווי לאנג עס גייט אריבער, אדער ווי א שאטן פון א בוים, אבער אז מען קוקט גוט זעט מען אז דאס לעבן פונעם מענטש איז ניטאמאל ווי אזא שאטן נאר פליט דורך ווי די שאטן פון א פייגל וואס פליט.

מען האט קוים אנגעהויבן דעם יאר, מען האט קוים אנגעפאנגען חמשה חומשי תורה, און די וואך זענען מיר שוין מסיים ספר שלישי - ספר ויקרא; מאך זיך א חשבון צי דו האסט מעביר סדרה געווען ביז אהער אלע סדרות, מאך זיך א חשבון צי דו האסט געלערנט יעדע איינציגסטע וואך חומש מיט רש״י.

דער הייליגער ר' מרדכי'לע מנאדבורנא זכותו יגן עלינו איז אמאל געקומען באזוכן דעם ערוגת הבושם, האט אים דער ערוגת הבושם געבעטן ער זאל באזוכן זיין ישיבה, ער זאל זען ווי פלייסיג זיינע תלמידים לערנען און ווי ערליך זיי פירן זיך אויף, דער הייליגער ר' מרדכי'לע מנאדבורנא זכותו יגן עלינו איז אריבערגעגאנגען אין די ישיבה זען די בחורים, ווען ער איז ארויסגעקומען האט ער געזאגט פארן ערוגת הבושם: "זיי האבן נישט קיין יראת שמים!" האט דער ערוגת הבושם געפרעגט: "רבי, פארוואס זאגט איר אזוי?!" האט ער אים געענטפערט: "ווייל זיי לערנען נישט קיין חומש רש"י!" זעט מען פון דעם אז אויב מען וויל האבן יראת שמים דארף מען לערנען יעדן טאג אביסל חומש מיט רש"י.

פרעג זיך די קשיא וואס דער רבי האלט אין איין חזר'ן אין סיפורי מעשיות: **"וואו בין איך אויף דער וועלט?"** עס גייט אריבער א וואך נאך א וואך, א חודש נאך א חודש, מען האלט שוין ווייניגער פון צוויי וואכן פאר דעם יום טוב שבועות, דער יום טוב פון קבלת התורה, פרעג דיך אליינס: **"וואו בין איך אויף דער וועלט?"**

נעכטן האבן מיר געהאט אין ישיבה א סיום הש"ס פון הבחור ... נרו יאיר; דאס איז א מופת פון רבי'ן, א מופת פון מוהרא"ש - צו נעמען א בחור וואס איז לא עלינו נישט געזונט, ער קען זיך נישט באוועגן, און ער זיצט אין לערנט לאנגע שעות, דאס איז שוין זיין צווייטע סיום הש"ס; דאס איז א וואונדער.

פאריגע וואך האבן מיר געהאט א סיום הש"ס אין ישיבה פון האברך ... נרו יאיר; זה חלקי מכל עמלי צו זען ווי די אינגעלייט און בחורים נוצן אויס די צייט אויף תורה. יעדע טאג קומען מיר בחורים דערציילן נאך א סיום וואס זיי האבן מסיים געווען, וויל איך דיר אויפוועקן פון שלאף, איך וויל דו זאלסט זיך פרעגן: **"וואו בין "איך" אויף דער וועלט?"** "ווען וועל איך ענדיגן ש"ס?" "ווען וועל איך מאכן א סיום?"

דיין גאנצע לעבן געבסטו אוועק פאר די געלט; דו טראכסט נישט אז איין טאג וועט מען דיר אוועק נעמען פון די געלט, איין טאג וועסטו בלייבן נאקעט, דעמאלט וועסטו וויינען: 'פארוואס האב איך נישט געפאלגט דעם הייליגן רבי'ן?' 'פארוואס בין איך מיין גאנץ לעבן נאכגעלאפן די בהמות וואס דאס איז באמת געווען מיינע עבירות?' אזוי ווי דער מענטש פון דער וואלד האט געזאגט פארן בן מלך וואס האט זיך פארביטן (עיין ספורי מעשיות, מעשה יא), אבער דעמאלט וועט שוין זיין אביסעלע שפעט.

דער הייליגער רבי האט געזאגט (חיי מוהר"ן, סימן שנד): "עַל שְׁנֵי כִּתּוֹת אֲנָשִׁים יֵשׁ לִי רַחֲמָנוּת גָּדוֹל עֲלֵיהֶם", אויף צוויי גרופעס מענטשן האב איך גרויס רחמנות, "עַל אֵלּוּ אֲנָשִׁים שֶׁהָיוּ יְכוֹלִים לְהִתְקָרֵב אֵלַי וְאֵינָם מִתְקָרְבִים", אויף מענטשן וואס האבן געקענט מקורב ווערן צו מיר און זיי זענען נישט מקורב געווארן, "וְעַל אֵלּוּ הַמְקֹרָבִים

אֵלַי וְאֵינָם מְקַיְּמִים אֶת דְּבָרַי", און אויף די וואס זענען מקורב צו מיר און פאלגן מיך נישט; "כִּי אֲנִי יוֹדֵעַ, שֶׁיִּהְיֶה עֵת, בְּעֵת שֶׁיִּהְיֶה הָאָדָם מֻנָּח עַל הָאָרֶץ עִם רַגְלָיו אֶל הַדֶּלֶת, אָז יִסְתַּכֵּל עַל עַצְמוֹ הֵיטֵב, וְיִתְחָרֵט מְאֹד מְאֹד עַל שֶׁלֹּא זָכָה לְהִתְקָרֵב אֵלַי, אוֹ שֶׁלֹּא קִיֵּם אֶת דְּבָרַי. כִּי אָז יֵדְעוּ שֶׁאִם הָיוּ מְקֹרָבִים אֵלַי וּמְקַיְּמִים אֶת דְּבָרַי, לֹא הָיָה שׁוּם דַּרְגָּא בָּעוֹלָם שֶׁלֹּא הָיִיתִי מְבִיאָם לְאוֹתָהּ הַמַּדְרֵגָה, אֲבָל לֹא יוֹעִיל אָז", ווייל עס וועט קומען די צייט וואס דער מענטש וועט ליגן מיט די פיס צום טיר, דאס מיינט ווען מען וועט שטארבן - וואס דעמאלט לייגט מען אראפ דעם מענטש אויף דער ערד מיט די פיס אויסגעדרייט צום טיר, און דער מענטש וועט זיך דעמאלט אנקוקן ווי אזוי ער זעט אויס, און ער וועט חרטה האבן 'פארוואס האב איך נישט געפאלגט דעם רבי'ן, ווייל ווען איך וואלט ווען געפאלגט דעם רבי'ן וואלט איך זוכה געווען צו צוקומען צו די גרעסטע מדריגות אויף דער וועלט', אבער עס וועט שוין זיין צו שפעט.

נעכטן איז געווען דער יום הולדת פון מוהרא"ש זכותו יגן עלינו, איז יעצט א פאסיגע צייט וואס מען קען זיך באנייען אנצוהייבן לערנען אויפן סדר דרך הלימוד פון הייליגן רבי'ן; וועק דיר אויף פון דיין שלאף, דו דרייסט זיך ארום אויף דער וועלט ווי א נאר, ביסט א גרויסע רחמנות, ביסט אן ארימאן בגשמיות וברוחניות, ווייל חכמינו זכרונם לברכה זאגן (נדרים מא.): "אֵין עָנִי אֶלָּא מִן הַדַּעַת", ווער איז אן ארימאן? דער וואס האט נישט קיין שכל; א מענטש וואס טראכט נישט פון תכלית דער איז אן ארימאן. ווען א מענטש לערנט נישט קיין תורה און טוט נישט קיין מעשים טובים, ווען ער וועט אוועק גיין פון דער וועלט וועט ער זיין ארעם. אין בית החיים נעמט מען נישט מיט קיין געלט מיט קיין הייזער, דארט נעמט מען נאר מיט תורה ומעשים טובים, נאך זאגן חכמינו זכרונם לברכה (שבת קכ.) אויפן פסוק (ישעיהו ג, ז) "וּבְבֵיתִי אֵין לֶחֶם וְאֵין שִׂמְלָה" - זֶה שֶׁאֵין בְּיָדִי לֹא מִקְרָא וְלֹא מִשְׁנָה וְלֹא תַּלְמוּד", א מענטש וואס לערנט נישט יעדן טאג אביסל חומש, א פרק משניות און א דף גמרא, דער מענטש איז דער גרעסטער ארימאן.

דערפאר בעט איך דיר זייער טייערער ברודער, וועק זיך אויף פון שלאף! פרעג זיך: **"וואו בין איך אויף דער וועלט?"** נעם א חומש און הייב אן מעביר סדרה זיין; נעם א משניות און לערן אפאר פרקים משניות; נעם א גמרא און לערן א דף גמרא; אפילו דו פארשטייסט נישט וואס דו לערנסט זאלסטו ווייטער לערנען, זאג די ווערטער פון די הייליגע תורה, דאס וועט דיר באגלייטן אויף דער וועלט און אויף יענע וועלט, אזוי ווי שלמה המלך זאגט (משלי ו, כב): "בְּהִתְהַלֶּכְךָ תַּנְחֶה אֹתָךְ", אויף דער וועלט וועט דיר די תורה באגלייטן, "בְּשָׁכְבְּךָ תִּשְׁמֹר עָלֶיךָ", אין קבר וועט דיר די תורה אפהיטן פון

אלעם שלעכטס, "וַהֲקִיצוֹתָ הִיא תְשִׂיחֶךָ", און די תורה וועט זיין פאר דיר א מליץ יושר ביים בית דין של מעלה.

היינט נאכט איז דא א שיעור; מוהרא"ש האט מיר געבעטן איך זאל פארלערנען פאר אינגעלייט, איך זאל מחזק זיין אלע תלמידים וואס האבן געלערנט אין ישיבה; איך בעט דיר זייער דו זאלסט קומען צום שיעור, אזוי וועסטו זיך מחזק זיין און זיך באנייען. יעדע זאך אויף דער וועלט דארף חיזוק און זיכער תורה ותפילה, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (ברכות לב:): "תּוֹרָה, וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, תְּפִלָּה, וְדֶרֶךְ אֶרֶץ, צְרִיכִים חִזּוּק", די אלע זאכן דארפן כסדר חיזוק; מיר איז נישט גרינג צו קומען אין ישיבה געבן א שיעור, איך האלט נאך א טאג ארבעט מיט תלמידים בחורים וכו', אבער איך וויל דו זאלסט האבן א גוט לעבן.

אם ירצה ה' מיטוואך נאכט וועט פארקומען א שיעור פאר די פרויען, זע אז דיין ווייב זאל קענען קומען צום שיעור.

...

~~~~~~~~~~~

**אנגיין ברוחניות ובגשמיות אפילו עס דאכט זיך אז מען האט אלעס פארלוירן - דאס לערנט אונז דער הייליגער רבי.**

בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת בהר בחקותי, כ"ג אייר, ל"ח לעומר, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

אשרינו מה טוב חלקינו אז מיר ווייסן פון הייליגן רבי'ן; דער רבי איז אונז מחי' ומחזק אז מיר זאלן קיינמאל נישט אויפגעבן, נאר מיר זאלן אנגיין מיט אונזערע גוטע מעשים. אפילו ווען עס דאכט זיך אז מען האט אלעס פארלוירן לערנט אונז דער רבי אז מיר זאלן ווייטער דאווענען און לערנען פארן אייבערשטן אליינס.

דער הייליגער רבי האט דערציילט (שיחות הר"ן, סימן מח): אמאל האט דער הייליגער בעל שם טוב זכר צדיק לברכה געהערט אז ער האט פארלוירן זיין גאנצע עולם הבא, ער איז ער געווארן זייער צעבראכן דערפון און ער האט נישט געהאט מיט וואס זיך צו מחי' צו זיין, האט ער זיך אנגערופן: "אֲנִי אוֹהֵב אֶת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ בְּלֹא עוֹלָם הַבָּא", איך האב ליב דעם אייבערשטן אפילו איך וועל נישט האבן קיין עולם הבא! "וְכָל אָדָם אֲפִלּוּ אִישׁ פָּשׁוּט, אִי אֶפְשָׁר לִהְיוֹת אִישׁ כָּשֵׁר בֶּאֱמֶת כִּי־אִם כְּשֶׁיָּכוֹל לַעֲמֹד בַּכֹּל כַּנַּ"ל", זאגט דער רבי אז יעדער איד וואס וויל דינען דעם אייבערשטן דארף זיין גרייט צו דינען
~~~~~~~~~~~

דעם אייבערשטן אפילו מען וועט נישט באקומען קיין שום שכר - נישט אויף דער וועלט און נישט אויף יענער וועלט, נאר אזוי קען מען זוכה זיין צו זיין אן ערליכער איד.

"וַאֲפִלּוּ בְּיוֹם אֶחָד צָרִיךְ לְחַזֵּק אֶת עַצְמוֹ כַּמָּה פְּעָמִים, וּלְהַתְחִיל בְּכָל פַּעַם מֵחָדָשׁ כַּנַּ"ל, עַד אֲשֶׁר יִזְכֶּה בְּרְבוֹת הַיָּמִים לֵילֵךְ בְּדַרְכֵי ה' כְּסֵדֶר, אָמֵן", יעדן איינציגסטן טאג דארף מען זיך נאכאמאל באנייען, און אפילו מען האט פראבירט אנצוהייבן און מען איז אראפגעפאלן דארף מען זיך האלטן אין איין מחדש זיין און זיך אויפהייבן אפילו אסאך מאל אינעם זעלבן טאג, ביז מען איז זוכה צו מצליח זיין.

ווי אזוי וואלטן מיר אויסגעזען אן די חיזוק וואס דער רבי האלט אונז אין איין ארייינגעבן; דער רבי לאזט נישט פאלן, ער לאזט נישט אויפגעבן. אשרינו מה טוב חלקינו ומה נעים גורלינו!

זיי געזונט און שטארק.

...

~~~~~~~~~~~

**מ'דארף ארייננעמען נאך ארבייטער פאר די הדפסה**

בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת בהר בחקותי, כ"ג אייר, ל"ח לעומר, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד די חשוב'ע הנהלה פון "קרן הדפסה היכל הקודש" כל אחד בשמו הטוב יבורך**

לויט ווי איך פארשטיי פון די מיטינג איז דער פראבלעם אז מען קען נישט נאכיאגן מיט די ארבעט; צוליב וואס עס פארמערן זיך מפיצים כן ירבו, און אויך אז מען דרוקט כסדר מער און מער קונטרסים, ספרים, גליונות און בריוו וכו'.

דערפאר דארפט איר אליינס פארשטיין אז כדאי מען זאל קענען נאכקומען מיט די ארבעט און די מפיצים זאלן האבן גענוג ספרים, קונטרסים און סידיס וכו', דארף מען אריין נעמען נאך בחורים און אינגעלייט צו צעטיילן די ארבעט פאר נאך מענטשן.

מען דארף צעטיילן די ארבעט פאר נאך חברים; מוהרא"ש האט אונז איבערגעלאזט א ירושה דארפן מיר זיך צעטיילן דערמיט.

איך מיין אז פון היינט אין ווייטער זאל מען אראפנעמען סיי דעם 'בית נצחי' און סיי 'עצתו אמונה' פון האברך ... נרו יאיר. אויך האב איך געשריבן פאר ... נרו יאיר ער זאל איבערנעמען די 'עס-די קארדס'; איך ווארט צו הערן פון אים צי ער נעמט זיך אונטער עס זאל זיין שטענדיג גרייט פאר די מפיצים 'עס-די קארדס' אנגעפילט מיט חיזוק, דרשות און ניגונום.
~~~~~~~~~~~

אויך די סידו׳׳ס דארף מען איבערגעבן פאר א צווייטן, אזוי וועט מען קענען אנקומען מיט די ארבעט.

אפשר איז כדאי דאס צו מודיע זיין פאר אלע תלמידי היכל הקודש; ווייל עס זענען דא אינגעלייט וואס וואלטן גערן געגומען אויף זיך צו העלפן בגוף, בממון ובטירחה, נאר קיינער ווייסט פשוט נישט ווי שטארק מען מוטשעט זיך וכו׳. עס וואלטן זיכער געקומען אינגעלייט און בחורים העלפן מיט וואס זיי קענען נאר כדאי צו פארשפרייטן דעם רבי׳ן אויף דער וועלט.

איך בעט אייך זייער איר זאלט מחשיב זיין אלע מפיצים; א מפיץ איז ביי אונז קודש קדשים און מען קען זיך נישט ווארפן מיט זיי. געגוג וואס זיי גייען אריבער בזיונות פון מענטשן וואס זענען מזלזל אין זיי; מענטשן האלטן זיך אונטער מיט מפיצים, מענטשן מיינען אז א מפיץ האט נישט קיין בלוט.

על כל פנים, מיר דארפן זען אז די מפיצים זאלן זיין צופרידן ביים באשטעלן ספרים און ביים קויפן ספרים. עס איז נישט געפערליך צו מאכן שעות ווען צו קויפן ספרים, ווייל דאס פארשטייט יעדער איינער אז מען קען נישט עפענען דעם בית הדפוס שפעט ביינאכט ווען א מפיץ דערמאנט זיך אז ער דארף ספרים, מען דארף מאכן שעות ווען מען קען קויפן ספרים, אבער דאס דארף צו גיין מיט דרך ארץ און מיט ליבשאפט.

מיר זענען שלוחים פון מוהרא״ש און מיר זענען ממשיך וואס מוהרא״ש האט געטון ביי זיין לעבן, דארפן מיר געדענקען וואס מוהרא״ש פלעגט שטענדיגט חזר׳ן, מיר געפונען אין זוהר הקדוש (נשא קכח.) אז רבי שמעון בן יוחאי האט געזאגט פאר זיינע תלמידים ״אֲנָן בַּחֲבִיבוּתָא תַּלְיָא״, אונזער זאך איז אז מיר האבן זיך ליב איינער דעם צווייטן; רבי שמעון בן יוחאי האט אריין געברענגט אין זיינע תלמידים אז מען זאל זיך ליב האבן איינער דעם צווייטן. פלעגט מוהרא״ש זאגן אויף דעם א שיינע רמז, א׳נ׳ן׳ איז די ראשי תיבות ״אַ׳נְשֵׁי נַ׳חַל נ׳וֹבֵעַ - בַּחֲבִיבוּתָא תַּלְיָא״, אנשי שלומינו דארפן זיך האלטן צוזאמען און זיך ליב האבן איינער דעם צווייטן.

מיר דארפן מקיים זיין וואס דער הייליגער רבי זאגט (חיי מוהרן, סימן רצב): ״הָעוֹלָם רָאוּי שֶׁיִּתְמְהוּ עַצְמָן עַל הָאַהֲבָה שֶׁבֵּינֵינוּ״, די וועלט וועט זיך וואונדערן אויף די גרויסע ליבשאפט וואס עס וועט זיין צווישן אייך; דאס איז וואס מוהרא״ש פלעגט שטענדיג חזר׳ן און זיך בעטן ביי אונז, מיר זאלן זיך נישט קריגן און זיכער נישט די וואס זענען עוסק אין הפצה.

איך בעט אייך מיינע טייערע תלמידים, הנהלת קרן הדפסה היכל הקודש כל אחד בשמו הטוב יבורך: מען זאל זייער אכטונג געבן ווי אזוי מען רעדט צו א מפיץ; אפילו עס איז שווער, יעדער מפיץ פארלאנגט עפעס אנדערש וכו׳, דאך זאל מען וויסן אז

איינער וואס גייט ארויס אויף הפצה דער איז מער פון א צווייטן. ווען איך קוק אויף מיינע תלמידים זענען אלע פון זיי זייער חשוב און טייער ביי מיר, אבער ווען איך זע א בחור אדער אינגערמאן גייט ארויס פון זיין וועג, ער פארשעמט זיך פאר א צווייטן איד, ער שוויצט פאר א צווייטן איד - דער איז אן ענין אחר לגמרי.

מען דארף געדענקען וואס חכמינו זכרונם לברכה זאגן (סוטה ח:): "בְּמִדָּה שֶׁאָדָם מוֹדֵד, בָּהּ מוֹדְדִין לוֹ", ווי אזוי א מענטש פירט זיך - אזוי דארף מען זיך פירן מיט אים; א מפיץ וואס גייט פרייטאג נאכמיטאג ארום אין שולן לייגן גליונות מיט איין כוונה, צו מחי' זיין אידישע קינדער, בשעת ער וואלט אויך געקענט יעצט זיצן אין שטוב עסן קיגל און פערפעל, אדער זיצן אין שטוב און טועם זיין פון יעדן מאכל צי עס איז גרייט פאר שבת, ער איז אבער מוותר דערויף און אנשטאט דעם קלעטערט ער אין היצן און אין קעלט פאר אנדערע אידן; דארף מען רעדן מער מיט שעצונג צו אים.

בנוגע צי מען זאל לייגן די ספרים אין געשעפטן וכו'; איך וועל אייך דערציילן וואס מוהרא"ש האט געהאלטן. פאר זיבן יאר צוריק האט מען אנגעהויבן דרוקן אין ישיבה "אשר בנחל" אין אידיש, איז געגאנגען האברך ... נרו יאיר און דאס אריין געגעבן ביי עטליכע ספרים געשעפטן. נאכדעם איז ער געגאנגען פרעגן מוהרא"ש צי דאס איז א גוטע זאך, האט אים מוהרא"ש געזאגט אזוי: "אונזער זאך איז נישט אין קיין געשעפטן; אונזער זאך איז ביי די טירן, אין די שולן, אין געשעפטן אדער אויפן גאס, אונזער זאך איז מיד ליד, ווי לאנג מען וועט פארקויפן אין די געשעפטן הונדערט ספרים וועט גיין אין די זעלבע צייט ביי די טירן וכו' מיליאנען ספרים"; אז איר ווילט זיך דאס איבערצייגן גייט אריבער צו ... ספרים געשעפט, וואס ער האט א שאנק מיט ברסלב'ע ספרים, וועט איר זען ווי דארט ליגן דריי בענדער "אשר בנחל" וואס מען האט געדרוקט פאר זיבן יאר צוריק מיט די ווייכע דעקלעך, עס ליגט נאך אויפן זעלבן פלאץ וואו מען האט עס אריין געשטעלט; א גאנצע שמיטה איז שוין אריבער זינט דעמאלט, און אין די זעלבע צייט האט מען שוין פארשפרייט הונדערטער טויזנטער ספרי "אשר בנחל".

דאס זעלבע זאג איך אייך: אונזער זאך איז צוצושטעלן ספרים, קונטרסים און סידיס פאר מפיצים וואס גייען אין די הייזער, שול'ן, געשעפטן און אויפן גאס; יעדער איינער איז בארעכטיגט צו פארשפרייטן דעם רבינ'ס זאך אויף וואסערע אופן ער וויל, און מיר דארפן זיך האלטן ווייטער אויף דעם וועג וואס מוהרא"ש האט אונז אויסגעשטעלט.

דער אייבערשטער זאל אייך בענטשן איר זאלט האבן די ריכטיגע דעת צו וויסן וואס איר טוט, איר זאלט געדענקען ווען איר זענט משמש, איר זאלט האבן די זכיה

צו קענען בלייבן שמשים פארן רבי'ן און איר זאלט האבן די כח (דניאל א, ד): "וַאֲשֶׁר כֹּחַ בָּהֶם לַעֲמֹד בְּהֵיכַל הַמֶּלֶךְ", נישט צעבראכן ווערן וכו'.

איך וועל רעדן צו האברך ... נרו יאיר ער זאל ענדיגן אויסשטעלן יעדע וואך דעם קונטרס "עצתו אמונה" עס זאל זיין גרייט צו דרוקן, כדי עס זאל זיין גרינגער פאר די הדפסה.

דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט מצליח זיין אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~~

**די שווערע נאכפאלגן פון זיך נישט היטן די אויגן; פון די נעמט זיך פילע אויגן וואס דער מלאך המות האט?; מען דארף בעטן דעם אייבערשטן מען זאל זוכה זיין צו שמירת עיניים ביזן לעצטן טאג אין לעבן.**

בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת בהר בחקותי, כ"ד אייר, ל"ט לעומר, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

ויסן זאלסטו אז אלע דיינע צרות קומען פון דעם וואס דו היטסט זיך נישט די אויגן, אז דו וועסט זיך היטן דיינע אויגן וועסטו זיך נישט אזוי מוטשען, ווייל אלע שלעכטע מחשבות הייבן זיך אן דורכדעם וואס מען היט נישט די אויגן.

חכמינו זכרונם לברכה זאגן (עיין במדבר רבה י, ב): "עַיִן רוֹאָה וְלֵב חוֹמֵד" - ביז מען פאלט אריין אין עבירות רחמנא לצלן; און אפילו (שבת סד.): "אִם מִידֵי עֲבֵרָה יָצָאנוּ - מִידֵי הִרְהוּר לֹא יָצָאנוּ"; מען גייט ארום מיט שלעכטע מחשבות, מען מיינט אז א צווייטער האט א בעסערע לעבן, אזוי פארלירט מען די געפיל אין שטוב צו די ווייב און קינדער. ווען מען היט זיך נישט די אויגן ווערט מען פארשווארצט פון אנהייב ביזן סוף.

חכמינו זכרונם לברכה זאגן (עבודה זרה כ:): "אָמְרוּ עָלָיו עַל מַלְאַךְ הַמָּוֶת שֶׁכֻּלּוֹ מָלֵא עֵינַיִם", דער מלאך המות איז אנגעפילט מיט אויגן, ווען ער קומט צום מענטש ווערט דער מענטש זייער דערשראקן און אזוי נעמט ער אוועק דעם מענטש פון דער וועלט; וואס זענען די אלע אויגן וואס דער מלאך המות האט אויף זיך? דאס זענען אלע הסתכלות אסורות אלע שלעכטע קוקן וואס דער מענטש האט געקוקט; די אלע אויגן נעמט דער מלאך המות און ער קומט צום מענטש און מיט דעם הרג'ט ער אים, ווייל עס איז נישט דא נאך אזא זאך וואס זאל הרג'נען דעם מענטש ווי נישט היטן די אויגן (עיין בספר יערות דבש חלק ב', דרוש ה).
~~~~~~~~~~~

די תורה זאגט (דברים כח, לד): "וְהָיִיתָ מְשֻׁגָּע מִמַּרְאֵה עֵינֶיךָ אֲשֶׁר תִּרְאֶה", זאגט מוהרא"ש זכרונו לברכה אז דאס גייט ארויף אויף שמירת עינים; מען זעט מענטשן ווערן פשוט משוגע פון קוקן שמוץ, עד כדי כך אז מען קען שטייט און נאכקוקן פרויען און מיידלעך אן קיין בושה. עס זענען דא וואס פארלירן נעבעך זייער שכל אינגאנצן, זיי קענען שטיין לאנגע שעות אריין קוקן אין א שפאלט פון א פענסטער ביי א צווייטן הויז, אפשר וועט ער עפעס זען; דאס איז ממש א קראנקהייט וואס מען קען נישט ארויסקריכן פון דעם נאר דורך אסאך תפילה און בכיות צום אייבערשטן.

מוהרא"ש האט פארציילט אז אמאל איז געקומען צו אים אן אלטער איד, ער האט זייער שטארק געוויינט אז ער ליידט אויף די מחלה; ער קען שטיין שעות אויף שעות אריין קוקן אין א צווייטע הויז וכו' אלץ ווייל ער טראכט אז אפשר וועט ער קענען עפעס זען וכו', דער מח איז אים אזוי פארברענט רחמנא לצלן, און ער האט געבעטן מוהרא"ש זאל שרייבן א קונטרס אויף דעם און ער וויל עס באצאלן, ער האט אראפ געלייגט די געלט און ארויס געגאנגען. מוהרא"ש האט אנגעפאנגען צו וויינען צום אייבערשטן: **"רבונו של עולם, דער איד האט מיר געגעבן געלט צו דרוקן א ספר אויף שמירת עיניים, פון וואו זאל איך נעמען אזא ספר?!"** דעמאלט האט מוהרא"ש געשריבן דעם ספר 'עין רואה'.

מוהרא"ש פלעגט זאגן יארן שפעטער אז דער מעשה גייט אים נישט ארויס פון קאפ; א מענטש אויף דער עלטער זאל זיין אזוי געזינקען אין טומאה, און מוהרא"ש האט געזאגט: "איך האב געזען אז מען דארף בעטן דעם אייבערשטן מען זאל זוכה זיין צו שמירת עיניים ביזן לעצטן טאג אין לעבן".

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

היינט נאכט וועט אם ירצה ה' פארקומען א שיעור פאר די פרויען, זע צו בלייבן אין שטוב אז דיין ווייב זאל קענען קומען זיך מחזק זיין.

...

~~~~~~~~~~~

**דאס גרויסקייט פון מתפלל זיין ביי קברי צדיקים.**

בעזרת ה' יתברך - יום ה' פרשת בהר בחקותי, כ"ה אייר, מ' לעומר, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

דער הייליגער רבי זאגט (ספר המידות, אות צדיק, סימן קעג): "עַל יְדֵי הִשְׁתַּטְּחוּת עַל קִבְרֵי הַצַּדִּיקִים הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עוֹשֶׂה לוֹ טוֹבוֹת, אַף עַל פִּי שֶׁאֵינוֹ רָאוּי לְכָךְ", ווען
~~~~~~~~~~~

א מענטש גייט אויף קברי צדיקים מתפלל זיין, הערט דער אייבערשטער צו זיינע תפילות; דעריבער איז א גרויסע זאך צו גיין אויף קברי צדיקים מתפלל זיין צום אייבערשטן, סיי פאר זיך, פאר די ווייב און קינדער, און בכלל פאר אלע אידן.

ווען א מענטש האט א צרה חס ושלום דארף ער וויסן אז דורך תפילה ביי קברי צדיקים קען מען ארויס קריכן פון די צרה. דער זוהר הקדוש זאגט (שלח, קנח): ווען כָּלֵב האט געזען אז משה רבינו האט געגעבן א ברכה פאר יהושע בן נון אז ער זאל געראטעוועט ווערן פון די עצה פון די מרגלים אבער ער זעלבסט האט נישט באקומען קיין ברכה, וואס האט ער געטון ווען ער האט געזען אז ער איז אין א סכנה? "אִשְׁתְּמִיט מִנַּיְיהוּ, וְאָתֵי לְגַבֵּי קִבְרַיָּיא דַּאֲבָהָן, וְצַלֵּי תַּמָּן צְלוֹתֵיהּ", ער האט זיך אוועק געכאפט פון די מרגלים און געגאנגען קיין חברון צו קברי צדיקים מתפלל זיין אז ער זאל נישט פארכאפט ווערן מיט די עצת מרגלים צו קריגן אויף משה רבינו.

מוהרא"ש ווען ער פלעגט אראפברענגען דעם זוהר פלעגט ער דאס שיין אויסשמועסן, ווי דער זוהר זאגט ווייטער: "ווי אזוי קען זיין אז כלב איז געגאנגען קיין חברון מתפלל זיין ביי די מערת המכפלה איינער אליין, עס זענען דאך דארטן געווען די ריזן מענטשן, ווי אזוי האט ער נישט מורא געהאט פון זיי?!" זאגט דער זוהר הקדוש (שם): "אֲבָל מַאן דְּאִיהוּ בְּדוֹחֲקָא, לָא אִסְתָּכַּל מִדֵּי", ווער עס איז אין א צרה קוקט נישט אויף גארנישט, "כַּךְ כָּלֵב, בְּגִין דַּהֲוָה בְּדוֹחֲקָא, לָא אִסְתָּכַּל מִדֵּי, וְאָתָא לְצַלָּאָה עַל קִבְרֵי אֲבָהָן, לְאִשְׁתְּזָבָא מְעֵיטָא דָּא", אזוי אויך ווען כלב האט געזען אז ער איז אין א גרויסע סכנה איז ער געלאפן צו קברי צדיקים מתפלל זיין, ער האט נישט געקוקט אויף דעם אז דארט זענען דא די בני ענק; זעט מען פון דעם דאס גרויסקייט פון גיין אויף קברי צדיקים.

דעריבער בעט איך דיר זייער דו זאלסט זיך מפעם לפעם אריבער כאפן צו קברי צדיקים און זיך דארט אויסגיסן דיין הארץ צום אייבערשטן, וועסטו זען גרויסע ישועות.

אלע אונזערע תפילות וואס מיר בעטן דעם אייבערשטן איז נאר בזכות די הייליגע צדיקים וואס האבן זיך מוסר נפש געווען זייער גאנץ לעבן פארן אייבערשטן. מען זעט ווי דוד המלך בעט זיך ביים אייבערשטן (תהלים טז, א): "שָׁמְרֵנִי אֵל", היט מיר אפ אייבערשטער, "כִּי-חָסִיתִי בָךְ", ווייל איך פארלאז מיך נאר אויף דיר. "אָמַרְתְּ לַה' ה' אָתָּה", אייבערשטער דו ביסט מיין באשעפער, "טוֹבָתִי בַּל-עָלֶיךָ", אלע גוטס וואס דו געבסט מיר קומט נישט אין מיין זכות, נאר "לִקְדוֹשִׁים אֲשֶׁר-בָּאָרֶץ הֵמָּה", אלעס וואס איך בעט דיר בעט איך בזכות די הייליגע צדיקים וואס שוין נפטר געווארן, בזכות זייער מסירות נפש. "וְאַדִּירֵי כָּל חֶפְצִי בָם", אלע מיינע בקשות וואס איך בעט, איז בזכות זייער הייליגקייט.

איך בעט דיר דו זאלסט אויך מתפלל זיין פאר מיר.

א גוטן טאג.

...

~~~~~~~~~~~

**מען דארף שטענדיג האלטן קאפ און געדענקען פארוואס מיר זענען געקומען צום רבי'ן; דער צדיק וויל בלויז גרויס מאכן דעם אייבערשטנס נאמען; נישט קוקן אויף דעם "איך" נאר זען ווי אזוי מען קען אריינברענגען דעם אייבערשטן אויף דער וועלט.**

בעזרת ה' יתברך - ערב שבת קודש פרשת בהר בחקותי, כ"ו אייר, מ"א לעומר, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

ווען מען קומט צום רבי'ן דארף מען געדענקען פארוואס מען קומט; מיר דארפן געדענקען אז מיר זענען געקומען צום רבי'ן פאר איין ציל, אז דער רבי זאל אונז אויפהייבן פון אונזער בלאטע וואו מיר ליגן און אונז צוריק ברענגען צום אייבערשטן.

ווען א מענטש קומט צום רבי'ן נאר פאר דעם ציל, ער זוכט א וועג ארויס פון זיינע דמיונות, ער זוכט א גוטע דאקטער וואס קען אים אויסהיילן, א דאקטער פאר זיין נשמה וואס דאס איז דער צדיק, אזוי ווי דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן ל): "צָרִיךְ לְבַקֵּשׁ לְנַפְשׁוֹ רוֹפֵא גָּדוֹל מְאֹד מְאֹד הַגָּדוֹל בְּמַעֲלָה בְּיוֹתֵר, דְּהַיְנוּ שֶׁיַּחֲזִיר וִיבַקֵּשׁ תָּמִיד לִזְכּוֹת לְהִתְקָרֵב לְהָרַבִּי הַגָּדוֹל מְאֹד מְאֹד", א מענטש דארף זוכן א גרויסע דאקטער, א צדיק וואס זאל אים צוריק ברענגען צום אייבערשטן; אויב קומט מען צום הייליגן רבי'ן מיט אזא צוגאנג, דעמאלט וויל מען גארנישט, מען זוכט נישט דעם "איך".

חכמינו זכרונם לברכה דערציילן (סוטה מ.): ווען דער הייליגער אמורא רבי אבהו פלעגט פארלערנען פאר די תלמידים האט ער געהאט א מתורגמן וואס האט איבער געזאגט הויעך פארן עולם וואס רבי אבהו האט אים געזאגט שטילערהייט. איינמאל האט די פרוי פונעם מתרגם געזאגט פאר די ווייב פון רבי אבהו: "דו מיינסט אז מיין מאן דארף צוקומען צו דיין מאן? מיין מאן איז נאך אזא חכם ווי דיין מאן און ער קען אליינס האלטן די דרשה פארן עולם, דאס וואס ער בייגט זיך אראפ צו דיין מאן הערן וואס ער זאגט און ער זאגט דאס הויעך פארן עולם איז נאר ווייל ער וויל מכבד זיין דיין מאן וואס איז חשוב ביים קעניג אין פלאץ", ווען רבי אבהו איז אהיים געקומען פון ישיבה האט אים זיין ווייב אפגעווארט און אים געזאגט: "דו ווייסט וואס די ווייב פונעם מתרגם האט מיר געזאגט? זי זאגט מיר אז איר מאן דארף באמת נישט צוקומען צו דיר
~~~~~~~~~~~

וכו'", האט רבי אבהו געזאגט פאר זיין ווייב: "וּמַאי נַפְקָא לָךְ מִינָהּ?" וואס דארף דיר אנגיין וואס זי זאגט, "מִינִי וּמִינֵּיהּ יִתְקַלֵּס עִילָּאָה", דער עיקר איז אז צווישן מיר און אים ווערט דער אייבערשטערס נאמען גרויס.

ווען מען לערנט אזא מעשה זעט מען וואס הייסט א צדיק; ער וויל גארנישט, ער מיינט גארנישט. איין זאך וואס ער וויל: "מִינִי וּמִינֵּיהּ יִתְקַלֵּס עִילָּאָה", דער אייבערשטנס נאמען זאל גרויס ווערן אויף דער וועלט; ער קריגט זיך נישט מיט קיינעם, ער האט ליב יעדן איינעם און זוכט נאר צו טון א נחת רוח פארן אייבערשטן.

דער הייליגער רבי האט דערציילט: עס איז געווען א קעניג וואס האט פארלאנגט פון זיין מדינה אז מען זאל אפשניידן אלע תבואה ביז א געוויסע צייט, למעשה האבן זיי נישט געפאלגט דעם קעניג און דער קעניג איז געווארן זייער ברוגז אויף זיי, איז געקומען א חבר פונעם קעניג און געזאגט פאר די מענטשן פון די מדינה: "איך האב פאר אייך אן עצה איר זאלט נישט ווערן באשטראפט פונעם קעניג; דער קעניג האט זייער ליב א געוויסע סארט פייגל, אויב איר וועט כאפן די פייגל אין דאס ברענגען פארן קעניג, וועט דער קעניג אייך מוחל זיין".

האבן זיך אלע מענטשן גענומען צו דער ארבעט, מען האט געטראפן דעם פייגל זיצן אויף א בוים און מען האט געוואלט ארויף קריכן איינער אויפן אנדערן צו כאפן דעם פייגל, האבן זיי זיך אנגעפאנגען צו קריגן, יעדער האט גע'טענה'ט 'איך וויל נישט זיין פון אונטן וואס אויף מיר וועט יעדער איינער טרעטן', יעדער האט געזאגט: 'איך בין מער פון דיר, איך וויל טרעטן אויף דיר, איך וויל זיין פון אויבן - דער וואס וועט כאפן דעם פייגל אליין', אזוי האבן זיי זיך געקריגט איינער מיטן צווייטן, ביז דער פייגל איז אוועק געפלויגן און דער קעניג האט זיי אלע באשטראפט.

מוהרא"ש האט מסביר געווען דעם נמשל אזוי: דער קעניג איז דער הייליגער באשעפער און די בני המדינה זענען מיר אידן וואס דער אייבערשטער האט אונז געבעטן מיר זאלן זיין ערליך, הייליג און אפגעהיטן פון עבירות; למעשה זענען מיר אראפ געפאלן - יעדער איינער אין זיין בלאטע, אבער עס איז דא אן עצה פאר אונז אז מיר זאלן נישט באשטראפט ווערן, דער קעניג האט זייער ליב א פייגל וואס דאס איז דער צדיק, און אז מען וועט כאפן דעם פייגל און אים פארשפרייטן אויף דער וועלט וועט דער קעניג אונז מוחל זיין, הייבט זיך אן א קריגעריי, ווער איז מער און ווער איז ווייניגער, ביז דער פייגל פליט אוועק.

ווען מיר אלע זאלן נאר זוכן ווי אזוי מיר קענען פארשפרייטן פאר נאך א איד די עצות און שכל וואס דער רבי געבט אונז, ווען מיר אלע זאלן נישט זוכן יענעמס חסרונות

נאר זוכן די מעלות פון יעדן איינעם, נאר טראכטן: 'וואס קען איך טון צו כאפן דעם פייגל און אים ברענגען צום קעניג', וואלטן מיר שוין לאנג ארויס פונעם גלות.

דעריבער בעט איך דיר זייער טייערער... "וואס גייט דיר אן אז דער האט מער פון דיר און אז דער דארף נישט צוקומען צו דיר?" לאמיר זען צי די קענסט זאגן וואס דער הייליגער אמורא רבי אבהו האט געזאגט פאר זיין ווייב: "מִינִי וּמִינֵּיהּ יִתְקַלֵּס עִילָּאָה", דער עיקר איז אז צווישן אונז ווערט דער אייבערשטערס נאמען גרויס; דאס הייסט אן אמת'ער עניו, דאס איז א צדיק: 'איך בין גארנישט', 'איך דארף גארנישט', 'איך האב גארנישט' און 'איך וויל גארנישט', נאר דעם אייבערשטן אליינס.

דאס איז געווען מוהרא"ש; ער איז געזיצן כל ימיו אין א פארמאכטע שטוב און נישט געהאט צו טון מיט קיינעם, ער איז געזיצן און געשריבן ספרים פאר אידשע קינדער, אויפגעשטעלט תלמידים מפיצים, זיי מעודד געווען צו גיין אין די גאסן אין און די הייזער אויפלעבן אידישע קינדער; ער האט ניטאמאל געשריבן זיין נאמען אין די ספרים. מענטשן האבן זיך מחי' געווען אין די גאנצע וועלט אן וויסן בכלל ווער עס שטייט דא, ווער עס שרייבט דא און ווער עס רעדט דא.

חכמינו זכרונם לברכה זאגן (אבות ד, כא): דריי זאכן נעמען אוועק א מענטש פון די וועלט און פון יענע וועלט: "הַקִּנְאָה וְהַתַּאֲוָה וְהַכָּבוֹד, מוֹצִיאִין אֶת הָאָדָם מִן הָעוֹלָם", קנאה, תאוה און כבוד נעמט אוועק דעם מענטש פון דער וועלט; האט דער הייליגער רבי נתן געזאגט: "מיט קנאה וועט דיר דער רבי נעמען, מיט תאוות וועט דיר דער רבי נעמען, אבער מיט כבוד וועט דיר דער רבי נישט נעמען"; ווען מען קומט צום רבי'ן דארף מען קומען פאר איין סיבה: "זיך אויסצוהיילן"; אויב מען איז פארנומען מיט דעם "איך", מיטן "אני ואפסי", דעמאלט קען מען נישט נעמען פון רבי'ן.

דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב', סימן עב): "מִי שֶׁבָּא אֵצֶל צַדִּיק אֲמִתִּי, וְשׁוֹמֵעַ מִפִּיו תּוֹרָה, רָאוּי שֶׁיֻּמְשַׁךְ עָלָיו בּוּשָׁה וְשִׁפְלוּת גָּדוֹל מְאֹד, וְזֶה סִימָן שֶׁהָיָה אֵצֶל צַדִּיק אֲמִתִּי", ווען מען ווערט מקורב צום צדיק אמת, מען הערט תורה פון א צדיק אמת, פאלט ארויף אויפן מענטש א שפלות. דער מענטש הייבט אן צו קוקן אויף זיך מיט רחמנות, ער טראכט צו זיך: 'וואס וועט זיין פון מיר? ווען וועל איך תשובה טון וכו' וכו'?' מען פרעגט זיך דעם קשיא וואס דער שני למלכות האט געפרעגט (סיפורי מעשיות, מעשה א): "וואוּ בִּין אִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט?", מען זוכט נישט צו זיין עפעס, מען זוכט נישט צו זיין דער העכסטער מענטש וואס וועט כאפן דעם פייגל, אדרבה, מען איז גרייט צו זיין דער אונטערשטער מענטש אויף וועם אלע וועלן טרעטן, אבי עס זאל נתקדש ווערן דעם אייבערשטנס נאמען אויף דער וועלט.

דער הייליגער בעל שם טוב זכותו יגן עלינו האט געזאגט: "די אלע מענטשן וואס ווערן משוגע רחמנא לצלן, דאס קומט פון זייער שרעקליכע גאוה רחמנא לצלן"; ווען א מענטש איז פארנומען מיט: "איך טויג", "איך קען", "איך בין", "איך, איך איך", פון דעם ווערט מען פשוט משוגע, ווייל ווען מען באקומט נישט די כבוד ווערט מען משוגע וכו'. אבער ווען א מענטש לייגט דעם "איך" אין די זייט; ער דארף גארנישט, ער וויל גארנישט, דעמאלט וועט ער זוכה זיין צו פארעכטן אלע זיינע מעשים.

איך האף אז דו וועסט ארייננעמען די ווערטער אין דיין הארץ, דו וועסט נעמען דעם רבי'ן פאר דיר אז דו זאלסט אויסגעהיילט ווערן. אז מיר באטראכטן זיך גוט זעט מען אז (משלי כ, ט): "מִי יֹאמַר זִכִּיתִי לִבִּי טָהַרְתִּי מֵחַטָּאתִי", ווער קען זאגן 'איך בין ריין פון עבירות?' "וְכֻלָּנוּ אֵין פָּנֵינוּ יָפוֹת כְּלָל (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב', סימן לט)"; אלע דארפן מיר תשובה טון, מיר זענען נאך אלע זייער ווייט פון ווי מיר דארפן זיין; אויב מען נעמט אן דעם רבינ'ס ווערטער, מען איז מקיים וואס דער רבי זאגט, דורכדעם קען מען צוקומען צו גרויסע זאכן.

א פרייליכן שבת.

~~~ שאלות ותשובות ~~~

**אלס אן עלטערער בחור אין ישיבה, ווי אזוי קען איך זיך שטארקן?**

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט״א,

איך בין א 20 יעריגער בחור, נאכנישט קיין חתן, און ס׳איז מיר זייער שווער ברוחניות ובגשמיות. אלע מיינע חברים האבן שוין חתונה געהאט, און איך בין געבליבן אליין, און ס׳איז מיר זייער שווער.

איך האב אסאך נסיונות אין קדושה, די בחורים אין מיין ישיבה רעדן זייער שמוציג, אין יעדע דריטע שמועס קומט אריין שמוץ, איך דארף חיזוק אנצוגיין.

איך קען דאס נישט דערציילן פאר קיינעם אין מיין ישיבה, ווייל עס הייסט א חשובע ישיבה, מיט חשובע בחורים, איך אליין בין אויך בעצם א גוטער און געבויעטער בחור, און איך שעם זיך אויסצורעדן דאס הארץ פאר סיי וועמען. איר זענט דער איינציגסטער צו וועמען איך קען רעדן און בעטן חיזוק און הילף.

א גרויסן יישר כח.

**תשובה:**

בעזרת ה׳ יתברך - יום א׳ פרשת בה״ב, כ״א אייר, יום הולדת מוהרא״ש זי״ע, ל״ו לעומר, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

וואס זאל איך דיר זאגן טייערע ברידער: **״קיינער אויף דער וועלט פארשטייט נישט די צער פון א בחור״**; דאס פלעגט מוהרא״ש זכרונו לברכה שטענדיג זאגן.

מוהרא״ש האט געוויינט זיין גאנץ לעבן צום אייבערשטן ער זאל רחמנות האבן אויף בחורים און מיידלעך - זיי זאלן חתונה האבן ווי יונגער. אזוי קען מען ראטעווען אלע בחורים און מיידלעך פון ארויס גיין לתרבות רעה, ווייל ווילאנג מען איז א פלג גוף קען מען נישט זיין אפגעהיטן.

מוהרא״ש האט געזאגט אז ער איז געבוירן געווארן ׳כ״א אייר׳ אין די ספירה פון ״חסד שביסוד״, ווייל ער איז מחזק די אלע וואס פאלן נעבעך אראפ אין מידת היסוד; בפרט בחורים וואס ווילן חתונה האבן און עס גייט זיי נישט קיין שידוך, ווייל זיי זענען בכלל נישט שולדיג.

**״מיין זאך איז בחורים״** - פלעגט מוהרא״ש שטענדיג זאגן; ״איך בין אראפ געקומען אויף דער וועלט אויפצוהייבן בחורים און זיי ווייזן א וועג ווי אזוי זיך צו
~~~

דערהאלטן". מוהרא"ש פלעגט זאגן פאר בחורים זיי זאלן טענה'ען יעדן טאג צום אייבערשטן: **"רבונו של עולם! איך וויל נישט זינדיגן אין פגם הברית - הוצאת זרע לבטלה; רבונו של עולם! איך וויל זיין אפגעהיטן פון עבירות; וואס זאל איך טון אז איך פאל אראפ נאכאמאל און נאכאמאל, איך וויל נישט רעדן קיין ניבול פה, איך ווייס אז עס איז נישט גוט צו רעדן די רייד, העלף מיר אייבערשטער איך זאל זיך היטן פון רעדן ניבול פה"**.

אנטלויף פון חברים וואס רעדן ניבול פה; וויסן זאלסטו אז ווען א מענטש רעדט ניבול פה פארציילט ער פאר אלעמען ווער ער איז. ווי לאנג א מענטש רעדט נישט ווייסט מען נישט ווער ער איז - א חכם אדער א נאר, א צדיק אדער פארקערט; מען קען נישט דערקענען א מענטש פון אינדרויסן ווייל א מענטש קען זיך גוט פארשטעלן, נאר דורך זיין רעדן קען מען וויסן ווער ער איז, אזוי ווי שלמה המלך זאגט (משלי ב, ו): "מִפִּיו דַּעַת וּתְבוּנָה", דורכן מויל קען מען דערקענען ווער דער מענטש איז.

ווען דו זעסט א מענטש רעדט נישט איידל זאלסטו וויסן אז ער איז דורך און דורך פארפוילט, אפילו פון אינדרויסן זעט ער אויס ווי א חשוב'ער מענטש; אזוי זאגט דער הייליגער רבי (ספר המידות, אות ניבול פה, סימן א): "מִי שֶׁמְּדַבֵּר נִבּוּל-פֶּה, בְּיָדוּעַ שֶׁלִּבּוֹ חוֹשֵׁב מַחֲשָׁבוֹת אָוֶן", ווער עס רעדט ניבול פה איז א סימן אז זיין גאנצע קאפ איז פול מיט עבירות; פון אזא איינעם דארף מען שטיין ווייט ווייל מען קען מיטגעשלעפט ווערן. זיי נישט קיין אויבער חכם צו טראכטן: 'איך רעד נישט, איך הער נאר ווי חברים רעדן', ווייל אויב הערט מען רעדן ניבול פה, אפילו מען רעדט נישט קיין ניבול פה, באקומט מען אויך אן עונש, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (שבת לג.): "רַב נַחְמָן בַּר יִצְחָק אָמַר: 'אַף שׁוֹמֵעַ וְשׁוֹתֵק'".

שטארק דיר און ווער נישט צעבראכן אז דו האסט נאך נישט דיין שידוך; טו די סגולות וואס דער רבי זאגט אז אויב מען טוט דאס וועט מען זוכה זיין צו טרעפן א שידוך. דער רבי זאגט (ספר המידות, אות חיתון, סימן ו): "מִי שֶׁקָּשֶׁה לוֹ לִמְצֹא זִוּוּגוֹ, יַרְגִּיל אֶת עַצְמוֹ לִקְרוֹת בְּקָרְבְּנוֹת הַנְּשִׂיאִים", וועם עס גייט שווער צו טרעפן א שידוך זאל זאגן אסאך די "קרבנות הנשיאים", פון (במדבר ז, א): "וַיְהִי בְּיוֹם כַּלּוֹת מֹשֶׁה לְהָקִים אֶת הַמִּשְׁכָּן", ביזן סוף, דאס איז די קריאה וואס מען לייענט חנוכה. עס איז געדרוקט אין יעדע סידור ביי קריאת התורה, 'קריאה לחנוכה'; ווען מען ענדיגט דאס זאגן בעט מען דעם אייבערשטן - יעדער איינער אויף זיין שפראך: **"רבונו של עולם, העלף מיר איך זאל זוכה זיין צו טרעפן מיין זיווג בזכות וואס איך האב געפאלגט וואס דער הייליגער רבי זאגט, אז מען זאל זאגן די קרבנות הנשיאים; העלף מיר באשעפער איך זאל שוין**

זוכה זיין צו טרעפן מיין זיווג, עס איז מיר אזוי שווער צו זיין א פלג גוף, און עס איז מיר זייער שווער צו זיין ערליך ווען איך בין אליינס, איך וויל חתונה האבן וכו' וכו'".

מיט דעם וואס דו וועסט נישט רעדן קיין ניבול פה וועסטו זוכה זיין צו טרעפן דיין שידוך בקרוב. קוק וואס דער הייליגער מהרש"א זאגט (כתובות ח: דיבור המתחיל "על כן על בחוריו"): אויפן פסוק (ישעיהו ט, טז): "עַל כֵּן עַל בַּחוּרָיו לֹא יִשְׂמַח ה' וגו', כִּי כֻלּוֹ חָנֵף וּמֵרַע וְכָל פֶּה דֹּבֵר נְבָלָה בְּכָל זֹאת לֹא שָׁב אַפּוֹ וְעוֹד יָדוֹ נְטוּיָה", פארוואס געבט דער אייבערשטער א שטראף פאר די בחורים וואס רעדן ניבול פה אז זיי גייען זיך נישט פרייען וכו'? זאגט ער: "שֶׁהָעוֹנֶשׁ מִדָּה כְּנֶגֶד מִדָּה, לְפִי שֶׁהַבַּחוּרִים מְנַבְּלִים פִּיהֶם בְּכַלָּה הַנִּכְנֶסֶת לְחוּפָּה, יָבֹא לָהֶם הָעֹנֶשׁ בְּבַחוּרִים הַמַּגִּיעִים לְפֶרֶק הַחֻפָּה שֶׁלֹּא יִשְׂמְחוּ בָּהֶם", דער אייבערשטער שטראפט מדה כנגד מדה; אויב בחורים רעדן ניבול פה וכו' וועלן זיי נישט זוכה זיין זיך צו פרייען ביי זייער חופה, עיין שם.

דער אייבערשטער זאל דיר העלפן זאלסט טרעפן בקרוב דיין זיווג, און דו זאלסט זיך חבר'ן נאר מיט ערליכע חברים - וועט דיר גוט זיין אויף די וועלט און אויף יענע וועלט.

...

~~~~~~~~~~

**מיין טאטע ליידט אויף צוקער, מעג איך אים געבן צוקער ווען ער בעט**

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

מיין טאטע ליידט אויף צוקער לא עלינו, ער האלט אין איין דארפן גיין שפיטאל, און ער האט ביטערע יסורים פון דעם רחמנא ליצלן.

למעשה ווען ער איז אינדערהיים וויל ער זייער שטארק עסן צוקער, ער בעט מיר אסאך איך זאל אים ברענגען קיכלעך און צוקערדיגע זאכן וכדומה, איך ווייס אבער אז דער דאקטער לאזט אים דאס נישט עסן, און דאס איז ממש א סכנה פאר אים. צי דארפט איך אים פאלגן און אים ברענגען צו עסן זאכן וואס וועלן אים זייער שטארק שאטן צום געזונט?

יישר כח פון פאראויס, אברהם

**תשובה:**

בעזרת ה' יתברך - יום א' פרשת בה"ב, כ"א אייר, יום הולדת מוהרא"ש זי"ע, ל"ו לעומר, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד אברהם נרו יאיר**
~~~~~~~~~~

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

איינע פון די זאכן וואס א קינד דארף טון פאר זיינע עלטערן אלס כיבוד אב ואם, איז זיי געבן צו עסן און צו טרינקען, אזוי ווי עס ווערט גע׳פסק׳עט (שלחן ערוך יורה דעה סימן רמ, סעיף ד): "אֵיזֶהוּ כִּבּוּד? מַאֲכִילוֹ וּמַשְׁקֵהוּ"; דאס איז אבער נאר ווען די עסן און טרינקען איז אים נישט קיין סכנה, אויב די עסן איז א סכנה דעמאלט איז נישט קיין מצוה דאס צו געבן, דעמאלט דארף מען אכטונג געבן אז זיי זאלן זיין געזונט, אזוי ווי עס ווערט געברענגט (ספר חסידים, סימן רלד): "מַעֲשֶׂה בְּאֶחָד שֶׁחָלָה", עס איז געווען א מענטש וואס איז קראנק געווארן, און א דאקטאר האט אים אנגעזאגט ער זאל נישט טרינקען קיין וואסער און נישט עסן א געוויסע עסן, ווייל אויב ער וועט עסן די עסן און טרינקען וואסער וועט ער שטארבן, "וְאָמַר לִבְנוֹ תֵּן לִי מַיִם, וְאוֹתוֹ מַאֲכָל פְּלוֹנִי", אבער דער טאטע האט זיך נישט געוואלט האלטן צו די אנווייזונגען פונעם דאקטאר און ער האט געהייסן זיין זון ער זאל אים ברענגען וואסער צו טרינקען און אויך די עסן וואס דער דאקטער האט געהייסן זיך היטן דערפון, "וְאִם לָאו לֹא אֶמְחוֹל לְךָ, לֹא בָּעוֹלָם הַזֶּה וְלֹא בָּעוֹלָם הַבָּא", און ער האט צולייגט פארן זון: "אויב דו ברענגסט מיר נישט וואס איך האב דיר געבעטן בין איך דיר נישט מוחל - נישט אויף דער וועלט און נישט אויף יענע וועלט", פירט דארט אויס רבי יהודה החסיד ז"ל: "אַל תְּהִי חוֹשֵׁשׁ בִּדְבָרָיו", אין דעם פאל דארף מען נישט צו הערן.

זע צו גיין אין שול דריי מאל א טאג דאווענען מיט מנין און לערנען יעדן טאג די הייליגע תורה, ווייל דאס איז די גרעסטע כיבוד אב ואם וואס איז דא.

חכמינו זכרונם לברכה זאגן (יומא פו.) אויפן פסוק (דברים ו, ה): "וְאָהַבְתָּ אֵת ה׳ אֱלֹהֶיךָ" - זאלסט זען עס זאל ארויס קומען א קידוש השם דורך דיר און דער אייבערשטער זאל באליבט ווערן דורך דיר. ווייל ווען א מענטש לערנט תורה און פירט זיך אויף ווי עס דארף צו זיין וואס זאגן מענטשן? "אַשְׁרֵי אָבִיו שֶׁלִּמְּדוֹ תּוֹרָה", וואויל זענען זיינע עלטערן וואס האבן אים געלערנט תורה; "אַשְׁרֵי רַבּוֹ שֶׁלִּמְּדוֹ תּוֹרָה", וואויל איז פאר זיין רבי וואס האט אים געלערנט תורה; "אוֹי לָהֶם לַבְּרִיּוֹת שֶׁלֹּא לָמְדוּ תּוֹרָה", וויי איז פאר די מענטשן וואס לערנען נישט קיין תורה; קוקט אן דעם מענטש, וויבאלד ער לערנט תורה פירט ער זיך אויף אזוי ערליך. אויף אים זאגט דער פסוק (ישעיהו מט, ג): "וַיֹּאמֶר לִי עַבְדִּי אָתָּה, יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר בְּךָ אֶתְפָּאָר", דער אייבערשטער בארימט זיך מיט אזא איינעם.

דער אייבערשטער זאל שיקן א רפואה שלימה פאר דיין טאטע און פאר אלע אידן וואס דארפן א רפואה.

...

~~~~~~~~~~~

**וועט רבי ישעי'לע קערעסטירער זי"ע מיר העלפן קעגן די פאליציי?**

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך פאר אסאך ארום מיט מיין קאר, און איך געוואוינט צו ערלעדיגן זאכן אויפ'ן טעלעפאן בשעת'ן דרייוון, איך בין ב"ה א גוטער דרייווער אבער מיט די פאליציי קען איך זיך נישט אן עצה געבן, זיי שטעלן מיר אפ כסדר, און איך האב פון דעם אסאך געלט שאדן.

מיין חבר זאגט מיר אז ער האט אויפגעהאנגען אין זיין קאר א בילד פון רבי ישעי'לע קערעסטירער זי"ע און די פאליציי שטעלט אים קיינמאל נישט אפ, וויל איך וויסן אויב איך זאל אויך אזוי טון, איך וועל פרובירן צו זיין מער פארזיכטיג, אבער אפשר וועט דאס בילד מיר ראטעווען פון די פאליציי, און אויך אויב איך זאל פייטן מיינע יעצטיגע טיקעטס מיט דעם בילד?

יישר כח

**תשובה:**

בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת בהר בחקותי, כ"ג אייר, ל"ח לעומר, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

בשעת'ן דרייוון טאר מען נישט נוצן דעם טעלעפאן; בשעת מען דרייווט דארף מען האלטן קאפ אויפן דרייוון, ווייל א קאר איז אזוי ווי א ביקס, מיט א קאר קען מען הרג'ענען מענטשן און מען קען אליינס ווערן גע'הרג'ט רחמנא לצלן.

ווער עס דרייווט א קאר דארף האלטן די געזעצן, אויב האלט מען נישט די געזעצן איז מען א מופקר און מען האט א דין ווי א רוצח.

מוהרא"ש זאגט אז ווען בית דין וואלט ווען גע'משפט אויף דרייוון שנעל, אויף זיך נישט אפשטעלן וואו מען דארף זיך אפשטעלן, אדער אויף טעקסטן בשעת'ן דרייוועןוכו' וואלטן זיי גע'פסק'עט טויזנט מאל הארבער ווי די רעגירונג באשטראפט; ווייל אז מען דרייווט דארף מען האלטן די געזעצן, אויב ווילסטו פירן געשעפטן אונטערוועגנס זאלסטו דיר דינגען א שאופער וואס זאל דיך דרייוון, אזוי וועסטו קענען זיין פארנומען מיט דיין צווייטע נשמה - דיין טעלעפאן, וואס דו ביסט צו דעם פארקנעכטעט.
~~~~~~~~~~~

דאס אז דיר גייט נישט אן דיין לעבן, דו שפילסט זיך ארום מיט דיין סעלפאון בשעת'ן דרייווען - איז איין צרה, אבער ווי שעמסטו זיך נישט צו מאכן ליצנות פון א צדיק פון פריערדיגן דור; דו ווילסט לייגן א בילד פון א צדיק און ווייטער פירן דיין קאר מיט רציחה?! איך וואלט דיר געזאגט זאלסט לייגן א בילד פון א צדיק אין קאר פשוט אז דו זאלסט באקומען דורכדעם אביסל ישוב הדעת, אז דו וועסט קוקן אויפן צדיק וועסטו טראכטן: 'איין מינוט, וואס טוט זיך מיט מיר? ווען וועל איך אפלאזן מיין טעלעפאן?' אז דו וועסט זען פאר דיינע אויגן א בילד פון א צדיק וועסטו טראכטן: 'ווען וועל איך זיין אן ערליכער איד?'

דער הייליגער ר' נתן פלעגט שטענדיג אנזאגן זיינע תלמידים זיי זאלן נישט טון קיין זאכן וואס איז אנטקעגן די געזעץ וכו', האט זיך געמאכט אז איינער פון די תלמידים האבן נישט געפאלגט, יענער האט געמאכט געשעפטן וואס די רעגירונג האט נישט געלאזט טון, ביז מען האט אים געכאפט און עס האט געווארט אויף אים א שווערע משפט פון עטליכע יאר תפיסה, איז ער געקומען זיך אויסרעדן זיין הארץ צו ר' נתן אז מען האט אים געכאפט טון געשעפטן אנטקעגן דעם געזעץ און עס ווארט אים תפיסה, ער האט געזאגט: "איך האב חרטה וואס איך האב געטון און איך וויל ארויס גיין פון מיין פלאנטער, איך וויל נישט גיין אין תפיסה", האט אים ר' נתן געזאגט: "א מענטש קען אייביג תשובה טון, מען קען אייביג פארעכטן וואס מען האט קאליע געמאכט; ווען דו וואלסט באמת חרטה געהאט אויף וואס דו האסט געטון וואלסטו זיך ארויס געדרייט פון דיין פלאנטער, אבער היות דו האסט נישט באמת חרטה, נאר דו טראכסט 'פארוואס האב איך נישט אכטונג געגעבן אז די פאליציי זאלן מיר נישט כאפן', און דו מאכסט אפ ביי דיר: 'קומענדיגע מאל וועל איך מער אכטונג געבן', דאס איז נישט קיין חרטה, דאס איז א פארברעכן.

דאס זעלבע איז מיט דיר. דו פארסט ווי א רוצח; בשעת'ן דרייוון שרייבסטו און ליינסט דיין סעלפאון און דו ווילסט אן עצה מען זאל דיר נישט אפשטעלן?! וואס ווילסטו איך זאל דיר מחזק זיין? וואס זאל איך דיר ענטפערן?!

דער אייבערשטער זאל דיר העלפן אז דיין לעבן און א צווייטנס לעבן זאל זיין חשוב אין דיינע אויגן און דו זאלסט פאלגן די געזעצן בשעת'ן דרייוון. מאך דיר א חשבון וויפיל געלט גייט דיר אוועק א חודש פאר טיקעטס... עס איז דאך א הימל געשריי, דאס איז ממש וואס דער רבי זאגט (ספר המידות, אות ממון, סימן עז): "מִי שֶׁעוֹשֶׂה מַעֲשָׂיו בִּמְהִירוּת בְּלִי יִשּׁוּב הַדַּעַת, נַעֲשֶׂה בַּעַל חוֹב", ווער עס טוט זאכן שנעל אן ישוב הדעת ווערט א בעל חוב; דאס מיינט מען אויך אז מען דרייווט שנעל אן קיין ישוב הדעת ווערט מען א בעל חוב. אנשטאט וואס זאלסט געבן אפאר דאללער פאר

דיין ווייב, אנשטאט אהיים ברענגען עסן פאר דיין משפחה, דארפסטו אוועק צאלן חודש'ליך א שיינער געהאלט פאר דיינע טיקעטס.

איך האף אז דו וועסט באמת חרטה האבן אויף דיינע מעשים וועט דיר גוט זיין אויף די וועלט און אויף יענע וועלט.

...

~~~~~~~~~~~

**איך בין זייער אויסגעלאשן, ווי אזוי קריך איך ארויס דערפון?**

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך האב ב"ה א פיינער מאן מיט ליכטיגע קליינע קינדערלעך, עס גייט מיר ב"ה זייער גוט אין לעבן, איך שפיר אבער אסאך מאל זייער אויסגעלאשן, איך האב ממש נישט קיין שום טעם אין לעבן, און פארשטייט זיך אז דאן האב איך שוין נישט קיין געדולד זיך אפצוגעבן מיט מיין מאן און קינדער ווי עס דארף צו זיין.

ס'מאכט זיך אסאך מאל אז עס פאלט ארויף אויף מיר אזא עצבות און מרה שחורה, אז איך שעם זיך ממש פון זיך אליין, אפשר קענט איר מיר געבן אן עצה ווי אזוי ארויסצוקריכן דערפון.

יישר כח פאר אלעס.

**תשובה:**

בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת בהר בחקותי, כ"ג אייר, ל"ח לעומר, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד מרת ... תחי'**

איך האב ערהאלטן אייער בריוו.

דער רבי האט אונז געגעבן א מתנה וואס הייסט "התבודדות"; דאס הייסט אז א מענטש זאל זיך צוגעוואוינען זיך אויסצושמועסן זיין הארץ מיטן אייבערשטן.

דער הייליגער רבי נתן האט דערציילט אז אנהייב פון זיין התקרבות צום הייליגן רבי'ן איז דער רבי געגאנגען מיט אים איינמאל אויף א שפאציר; דער רבי האט גערעדט מיט אים זיינער שיינע זאכן און אים זייער מחיה געווען און מחזק געווען, אזוי שפאצירנדיג האט דער רבי ארויף געלייגט זיין האנט אויף ר' נתנ'ס אקסל און אים געזאגט בלויז געציילטע ווערטער, וואס די פאר ווערטער האבן אים מחי' געווען זיין גאנצע לעבן; דער הייליגער רבי האט אים געזאגט: "אוּן וַוייטֶער אִיז זֵייעֶר גוּט, אַז מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס פַאר אַ גוּטְן
~~~~~~~~~~~

פְרֵיינְד"; דער רבי האט אים דעמאלט אנפלעקט דעם זאך פון התבודדות, אז א מענטש זאל זיך צוגעוואוינען צו רעדן צום אייבערשטן אויף זיין שפראך וואס ער איז צוגעוואוינט צו רעדן, אים אלעס אויסדערציילן און גארנישט פארהוילן פונעם אייבערשטן.

האט רבי נתן זכרונו לברכה שפעטער דערציילט: "ווען דער רבי האט ארויף געלייגט זיין האנט אויף מיין אקסל און מיר געזאגט די ווערטער: 'אוּן וַוייטֶער אִיז זֵייעֶר גוּט, אַז מֶען רֶעדְט זִיךְ אוּיס דָאס הַארְץ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוּיס פַאר אַ גוּטְן פְרֵיינְד', האב איך גלייך געשפירט אז איך האב שוין א וועג צו מצליח צו זיין אין לעבן, ווייל וואס עס זאל נאר נישט אריבער גיין אויף מיר וועל איך זיך נישט פארלירן, נאר גיין צום אייבערשטן און אים אלעס דערציילן (פעולת הצדיק, סימן תכג-תכד)".

דאנקט דעם אייבערשטן אז איר האט א פיינער מאן מיט ערליכע קינדער, איר דארפט נישט ווארטן צו רעדן צום אייבערשטיין ווען איר ווערט שוין מרה שחורה; יעדן צופרי ווען איר שטייט אויף און איר שיקט אייערע קינדער אין חדר און אין שולע זאלט איר זיך מתבודד זיין, איר זאלט אויסשמועסן אייער הארץ צום אייבערשטן; דאנקט אים אויף אייער לעבן, דורכדעם וועט איר זוכה זיין צו ווערן פרייליך.

איך שרייב אייך א תפילה וואס איר זאלט מתפלל זיין יעדן אינדערפרי, דאס וועט אייך ארויס נעמען פון אייער מרה שחורה און עצבות.

"רבונו של עולם איך דאנק דיר און איך לויב דיר פאר אלע חסדים וואס דו טוסט מיט מיר; איך דאנק דיר פאר מיין שיינע לעבן, איך דאנק דיר פאר מיין מאן און פאר מיינע ליכטיגע קינדער. איך בין אזוי גליקליך און אזוי רייך אז איך האב א ערליכע מאן און זיסע קינדער.

הייליגער באשעפער זייער אסאך מאל ווער איך אויסגעלאשן, איך שפיר נישט קיין טעם אין לעבן, איך ווייס אבער נישט פארוואס; איך אליינס פרעג זיך די קשיא, נאכדעם וואס איך האב אלעס גוטס פארוואס בין איך נישט פרייליך?! הייליגער באשעפער, איך בעט דיר זייער, נעם מיר ארויס פון מיין עצבות און מרה שחורה, העלף מיר איך זאל שטענדיג זיין פרייליך, איך זאל לעבן מיט אמונה, איך זאל דיר שפירן אז דו ביסט שטענדיג מיט מיר, און איך זאל נישט פארגעסן פון דיר.

רבונו של עולם! איך בעט דיר זייער, העלף ארויס אלע אידן, העלף אז אלע אידן זאלן האבן אזא שיינע לעבן ווי מיר האבן, העלף אז אלע בחורים און מיידלעך זאלן טרעפן זייערע שידוכים, אלע זאלן האבן אזעלכע זיסע קינדערלעך ווי דו האסט מיר

געגעבן; העלף ארויס אלע אידן זאלן האבן פרנסה, אידישע קינדער זאלן זיך נישט אזוי מוטשען; העלף אונז און שיק אונז שוין משיח צדקינו במהרה בימינו, אמן".

דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט שטענדיג זיין פריילִיך.

...

~~~~~~~~~~~

**איך מוטשע זיך מיט נסיונות, מעג איך זיין א מלמד?**

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך בין א מלמד, און איך געב זיך ב"ה אפ מיט די קינדער זייער שיין, איך האב אסאך געדולד און סבלנות צו זיי, איך שלאג נישט, איך פרוביר ארייינצולייגן אין די קינדער תורה ויראת שמים און אז זיי זאלן זיין אפגעהיטן.

פון די אנדערע זייט בין איך אבער פערזענליך געשלאגן מיט געפערליכע נסיונות, איך קוק זאכן וואס א איד טאר נישט קוקן, איך טו עקלדיגע און פראסטע זאכן וואס א איד טאר נישט טון. עס טוט מיר זייער וויי, איך זאג משניות און א בלאט גמרא יעדן טאג, דערווייל בין איך אבער נאך פארזינקען אין שמוציגע עבירות.

דאס ברענגט מיר צו מיין שאלה צי איך מעג זיין א מלמד פון קינדער, אדער בין איך זיי גאר מטמא. איך רעד צו קינדער נאר גוטע זאכן, איך וויל באמת ארייינלייגן אין זיי נאר ערליכקייט און וואוילקייט. די שאלה איז אבער צי מיין פריוואטע לעבן איז א באזונדערע זאך און ווען איך בין אין קלאס מיט די קינדער איז דאס א צווייטע זאך? אדער איז דאס געקניפט און געבינדען, און איך טאר נישט זיין קיין מלמד פון קינדער?

איך האב שוין אסאך געוואלט זאגן פאר מיין מנהל אז איך געב אויף מיין פאסטן, איך ווייס אבער נישט וואס דער דעת תורה איז, איך וואלט זייער געוואלט אז דער ראש ישיבה שליט"א זאל מיר זאגן וואס איך האב צו טון.

א גרויסן דאנק.

**תשובה:**

בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת בהר בחקותי, כ"ד אייר, ל"ט לעומר, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד המלמד ... נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

דער רבי האט נישט געוואלט אז זיינע מענטשן זאלן זיין מלמדים; דער רבי האט אמאל געפרעגט איינע פון די תלמידים וואס איז געווען א מלמד: "וויפיל פארדינסטו
~~~~~~~~~~~

א וואך שכר לימוד? צעטייל דיין געלט אויפן טאג און אויפן שעה, וויפיל קומט דיר אויס צו מאכן א מינוט? ממש קליין געלט, קומט אויס אז דו קענסט פארלירן יענע וועלט פאר בלויז אפאר דאללער; ווייל ווען מען גנב'עט געלט פון א צווייטן קען מען דאס באצאלן און יענער קען דאס מוחל זיין, אבער ווען מען איז מבטל תורה פון קינדער קען מען דאס נישט באצאלן און מען קען דאס נישט מוחל זיין (שיחות הר"ן, סימן רמ)"; אזוי איז דא כמה וכמה שיחות וואס דער רבי האט געזאגט פאר אנשי שלומינו מען זאל נישט זיין קיין מלמד (חיי מוהר"ן, סימן תסה; תקצא).

מיט דעם אלעם האט דער רבי געזאגט אז ער וויל זייער שטארק, אז אויב איז דא א מלמד אדער א שוחט זאל דאס זיין דוקא פון זיינע תלמידים. ווייל דער הייליגער בעל שם טוב זכותו יגן עלינו האט געזאגט אז דער ס"מ פארלייגט זיך זייער שטארק אויף שוחטים זיי זאלן זיין קלים ורקים און מכשיל זיין אידישע קינדער מיט נבילות וטריפות רחמנא לצלן; אויך פארלייגט זיך דער ס"מ אויף די מלמדים זיי זאלן נישט זיין ערליך אזוי וועלן זיי פאר'סמ'ען אידישע קינדער מיט זייערע אפיקורסות; דעריבער האט דער רבי געזאגט: "אויב יא א שוחט, אויב יא א מלמד, זאל דאס שוין ענדערש זיין פון מיינער א מענטש וואס האט יראת שמים".

עס זענען דא זייער אסאך מעשיות פון אנשי שלומינו וואס זענען געווען מלמדים, ווי זיי האבן אריין געלייגט אין די קינדער אמונה פשוטה און יראת שמים; מוהרא"ש אליינס איז געווען יארן לאנג א מלמד, אויך האט ער געלערנט אלץ קינד אלט זייענדיג זעקס יאר ביי א מלמד פון אנשי שלומינו רבי יעקב קלמנוביץ זכרונו לברכה ווען מען האט גערופן בלשון חיבה "ר' יעקב מלמד".

מוהרא"ש פלעגט דערציילן ווי דער מלמד פלעגט אריין לייגן אין די קינדער אמונה; די חדר איז געווען אין א שול און ווען א קינד האט עפעס געדארפט פלעגט דער מלמד נעמען דאס קינד און אים שטעלן ביים ארון הקודש, ער האט געהייסן דעם קינד קישן דעם פרוכת, ער האט אים פארגעזאגט א תפילה און אים געהייסן נאכזאגן ווארט ביי ווארט; אזוי האט ער אריין געברענגט אין די קינדער די זאך פון תפילה, אז ווען מען דארף עפעס זאל מען צו גיין צום ארון הקודש, געבן א קיש דעם פרוכת און בעטן פונעם אייבערשטן וואס מען דארף.

אויך האט מוהרא"ש פארציילט אז דער מלמד הנ"ל פלעגט אויסטיילן אין חדר יעדן טאג פאר אלע קינדער א פרוטה און ער איז ארום געגאנגען מיט א פושקע צו אלע קינדער, און בשעת ער איז ארום געגאנגען מיט די פושקע האט ער געהאט א ספעציעלער ניגון וואס ער פלעגט זינגען: "הריני נותן צדקה לעניים וליתומים ולאלמנות, איך בעט דיר אייבערשטער, העלף מיר אז איך זאל מיין גאנצע לעבן געבן

צדקה פאר ארימעלייט, און אין דעם זכות זאל איך ניצול ווערן פון אלע צרות און פון אלע מחלות און איך זאל קיינמאל נישט דארפן צוקומען צו א צווייטן"; מוהרא"ש זכרונו לברכה האט צוגעלייגט אז עס איז געווען א הערליכע מחזה צו זען ווי אזוי יעדעס קינד לייגט אריין א פרוטה אין די פושקע נאכן זאגן די תפילה.

מוהרא"ש פלעגט זאגן אז פון אלע זיינע מלמדים געדענקט ער נאר זכרונות פון דעם מלמד און פון נאך א מלמד וואס איז אויך געווען א ברסלב'ער חסיד.

אזוי זאלסטו טון מיט דיינע קינדער; לייג אריין אין זיי תמימות ופשיטות און פארצייל זיי מעשיות פון הייליגע צדיקים. וואויל איז פאר א מלמד וואס פארציילט יעדן טאג מעשיות פון צדיקים פאר די קינדער, ווייל מעשיות פון צדיקים פלאקערט אויף דאס הארץ, מען הייבט אן מקנא זיין די צדיקים און מען וויל אויך ווערן א צדיק.

דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן רמח): "דַּע שֶׁסִּפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִצַּדִּיקִים, הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד", וויסן זאלסט אז פארציילן מעשיות פון צדיקים איז זייער א גרויסע זאך, "כִּי עַל יְדֵי סִפּוּרִים מִצַּדִּיקִים נִתְעוֹרֵר וְנִתְלַהֵב הַלֵּב בְּהִתְעוֹרְרוּת גָּדוֹל לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, בְּחֵשֶׁק נִמְרָץ מְאֹד", ווייל ווען מען הערט א מעשה פון א צדיק ווערט אויף געפלאמט דאס הארץ, מען באקומט א מורא'דיגע בענקעניש צו ווערן אן ערליכער איד. ווען מען הערט ווי דער צדיק האט זוכה געווען און איז בייגעשטאנען אלע זיינע נסיונות וויל מען אויך זוכה זיין צו דעם און ווערן א צדיק.

עס איז באוואוסט דער סיפור אז דער הייליגער צאנזער רב זכותו יגן עלינו האט אמאל געפרעגט די מלמד פון זיינע קינדער צי ער לערנט מוסר מיט זיינע קינדער, האט דער מלמד געזאגט: "יא"; האט ער אים געפרעגט: "וואסערע מוסר ספרים לערנסטו מיט זיי?" זאגט ער: "חובות הלבבות", זאגט אים דער הייליגער צאנזער רב: "נישט דאס מיין איך צו פרעגן, איך פרעג צי דו לערנסט 'מוסר', צי דו פארציילסט זיי מעשיות פון הייליגן רבי ר' אלימלך פון ליזענסק זי"ע און זיין ברודער דער הייליגער רבי ר' זושא זי"ע; ווייל מעשיות פון צדיקים דאס פייערט אויף דאס הארץ צו זיין אן ערליכער איד.

בזכות וואס דו לערנסט מיט תינוקות של בית רבן, דו געבסט אכטונג אויף זיי, דו האסט סבלנות צו זיי און דו לערנסט מיט זיי תורה ויראת שמים, זאלסטו פטור ווערן פון דיינע נסיונות; די ווערטער פון יראת שמים וואס דו רעדסט צו די קינדער זאל אריין גיין אין דיין הארץ, און מיר אלע זאלן זוכה זיין צו תשובה טון באמת.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

**וואס טו איך אז איך האב נישט קיין געדולד צו דאווענען?**

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך בין א היימישע מיידל פון א היימישע חסידישע סקול, איך האב געלערנט אלע יארן די וויכטיגקייט פון דאווענען, ספעציעל אין די יארן ווען מ'האט נאכנישט די עול פון א מאן מיט קינדער, למעשה איז מיר אבער זייער שווער צו דאווענען. אפילו איך קען גוט די פירוש המילות ווערט מיר אבער זייער לאנגווייליג צו דאווענען יעדן טאג די זעלבע ווערטער פונעם סידור.

ווען איך זאג תהלים איז מיר נישט אזוי לאנגווייליג, ווייל איך זאג אלעמאל אנדערע קאפיטלעך, אויך ווען איך רעד צום אייבערשטן יעדן טאג עטליכע מינוט, איז מיר אויך גרינגער, אבער דאס דאווענען אין סידור איז מיר זייער שווער. וויל איך וויסן וואס איז די וויניגסטע וואס א מיידל דארף דאווענען, בין אין מחויב צו דאווענען מער פון ברכות און קריאת שמע?

א גרויסן ש'כח.

**תשובה:**

בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת בהר בחקותי, כ"ד אייר, ל"ט לעומר, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... תחי'**

איך האב ערהאלטן אייער בריוו.

א איד איז אמאל געקומען צום רבי'ן און געפרעגט דעם רבי'ן ממש די זעלבע שאלה וואס איר פרעגט; ער האט געפרעגט דעם רבי'ן וואס ער זאל טון אז ער האט נישט קיין געדולד צו דאווענען, האט אים דער רבי געזאגט: זאלסט דאווענען אן געפיל און אן געדולד, דער געפיל וועט שוין נאכקומען, "כְּמוֹ לְמָשָׁל שֶׁנִּמְצָא לִפְעָמִים שֶׁהָאָדָם עוֹשֶׂה לְעַצְמוֹ רֹגֶז, עַד שֶׁבָּא בְּכַעַס, וְנִתְרַגֵּז", אזוי ווי איינער מאכט זיך ברוגז און נאכדעם ווערט ער טאקע ברוגז. דאס זעלבע זאך איז מיטן דאווענען, מען זאל קודם דאווענען אן קיין געפיל, מען זאל דאווענען מיט א חיות און זיך מאכן ווי מען האט א געפיל און א חשק, און די געפיל וועט שוין נאכקומען (שיחות הר"ן, סימן עד).

דער רבי זאגט דארט ווייטער: "וְעֵצָה זֹאת הִיא עֵצָה גְּדוֹלָה מְאֹד גַּם בְּכָל הַדְּבָרִים שֶׁבִּקְדֻשָּׁה. שֶׁבִּתְחִלָּה צְרִיכִין לַעֲשׂוֹת עַצְמוֹ כְּאִלּוּ הוּא לָהוּט אַחַר אוֹתוֹ הַדָּבָר שֶׁבִּקְדֻשָּׁה וְאַחַר־כָּךְ זוֹכִין בֶּאֱמֶת לָזֶה", אזוי דארף מען זיך פירן מיט יעדע דבר שבקדושה, מען זאל טון אלע מצות וואס דער אייבערשטער הייסט טון אפילו אן געפילן און אן א טעם,

נאר מען זאל זיך מאכן ווי מען וויל דאס זייער שטארק טון, און נאכדעם וועט מען טאקע זוכה זיין צו שפירן א טעם אין די מצוות.

דעריבער זאלט איר דאווענען אפילו איר האט נאך נישט קיין געפיל, ביז דער אייבערשטער וועט העלפן אז איר וועט אנהייבן שפירן ווי דער אייבערשטער איז מיט אייך, דעמאלט וועט איר שוין נישט אפלאזן דעם סידור.

די סיבה פארוואס מענטשן זענען מזלזל אין תפילה איז ווייל מען האט נישט קיין אמונה; אפילו די וואס גלייבן אינעם אייבערשטן גלייבן אבער נישט אז דער אייבערשטער איז מיט זיי יעדע רגע. דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן סב): "וּבֶאֱמֶת אִם הָיָה יוֹדֵעַ הָאָדָם יְדִיעָה בְּלֵב שָׁלֵם, 'שֶׁמְּלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ' וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עוֹמֵד בִּשְׁעַת הַתְּפִילָּה, וְשׁוֹמֵעַ הַתְּפִילָּה וַדַּאי הָיָה מִתְפַּלֵּל בְּהִתְלַהֲבוּת גָּדוֹל, וְהָיָה מְדַקְדֵּק מְאֹד לְכַוֵּן אֶת דְּבָרָיו, וּבִשְׁבִיל שֶׁהָאָדָם אֵינוֹ יוֹדֵעַ זֹאת יְדִיעָה בְּלֵב שָׁלֵם, בִּשְׁבִיל זֶה אֵינוֹ מִתְלַהֵב כָּל כָּךְ, וְאֵינוֹ מְדַקְדֵּק כָּל כָּךְ", ווען א מענטש וואלט געהאט א קלארע ריינע אמונה, ער וואלט געוואוסט אז דער אייבערשטער איז דא מיט אים, ביי אים און נעבן אים און ער שטייט אוןווארט צו הערן וואס ער בעט אים, וואלט ער זיכער געדאווענט מיט א געפיל, נאר וויבאלד דער מענטש האלט נאך נישט ביי די קלארע אמונה, האט ער נישט קיין געפיל אין דאווענען.

דארף מען אויף דעם אליינס בעטן; מען זאל האבן א ריינע אמונה, מען זאל שפירן און זען דעם אייבערשטן, מען זאל וויסן און געדענקען אז דער אייבערשטער איז דא, עס איז 'מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ'; דעמאלט וועט מען זיך נאר ווענדן צו אים, און דעמאלט וועט מען נישט אפלאזן דעם סידור.

דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט האבן הצלחה אין אלע אייערע וועגן.

...

~~~~~~~~~~~

### וואס טו איך אז מ'לאכט פון מיר ווען איך זאג משניות?

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

א גרויסן יישר כח פאר אלע אייערע שיעורים וואס זענען מיר ממש מחי', איך בין א יונגער בחור און איך האב ב"ה היינט מסיים געווען ששה סדרי משנה, און דאס קומט זיך אייך צו פארדאנקען.
~~~~~~~~~~~

מיין פראבלעם איז אבער אז אנדערע בחורים לאכן פון מיר אז איך זאג משניות, אפשר קענט איר שרייבן אביסל חיזוק איך זאל ווייטער אנגיין.

יישר כח. שלום

**תשובה:**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פרשת בהר בחקותי, כ״ד אייר, ל״ט לעומר, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד שלום נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו

וואויל איז דיר און וואויל איז דיין חלק אז דו לערנסט פלייסיג די הייליגע תורה.

איך פריי מיך זייער צו הערן אז דו האסט זוכה געווען צו מסיים זיין די ערשטע מאל אין דיין לעבן גאנץ ״ששה סדרי משנה״; ווען מענטשן וואלטן געוואוסט וואס משניות איז און צו וואס מען קען זוכה זיין ווען מען לערנט משניות - וואלטן אלע געלערנט משניות.

זאלסט נישט האבן קיין התפעלות פון די אלע וואס לאכן; געדענק דעם כלל: ״לאכן, לאכט דער וואס לאכט צום לעצט״; ווער לאכט באמת? דער וואס לאכטביים סוף. ווען איינער מאכט אוועק דעם רבינ׳ס סדר דרך הלימוד, ער לאכט און מאכט ליצנות אז עס הייסט נישט געלערנט, ווען עס וועט קומען דעם לעצטן טאג ווען דער מלאך מיט די טויזנט אויגן וועט קומען צו אים, דעמאלט וועט מען זען ווער איז דער געלעכטער. די אלע וואס האבן אנגענומען דעם רבינ׳ס ״סדר דרך הלימוד״, זיי האבן געלערנט יעדן טאג אביסל חומש רש״י, פרקים משניות און דפים גמרא וכו׳ וכו׳, די אלע וועלן צוריק גיין צום אייבערשטן אנגעפילט מיט כל התורה כולה - צענדליגער מאל מסיים געווען ששה סדרי משנה; בבלי; ירושלמי; תוספתא; רמב״ם; טור; שלחן ערוך; זוהר; תיקוני זוהר און אלע מדרשים, זיי וועלן זיך נישט דארפן שעמען, דעמאלט וועט מען שוין זען ווער איז דער געלעכטער, ווייל דער וואס האט אפגעלאכט פון רבינ׳ס דרך הלימוד ביי אים וועט נעבעך מקוים ווערן וואס שטייט (רות א, כא): ״אֲנִי מְלֵאָה הָלַכְתִּי, וְרֵיקָם הֱשִׁיבַנִי״, זאגט אויף דעם דער זוהר הקדוש (זוהר חדש, רות) אז דאס גייט ארויף אויף א מענטש וואס האט נישט אויסגענוצט זיינע יארן, זיין נשמה קלאגט: ״אֲנִי מְלֵאָה הָלַכְתִּי״, איך בין אראפ געקומען אנגעפילט מיט כל התורה כולה, אבער: ״וְרֵיקָם הֱשִׁיבַנִי״, איך גיי צוריק ליידיג.

דאס בעסטע וואלט געווען אז דו זאלסט זיך מיט קיינעם נישט קריגן, גיי נישט אריין אין קיין ויכוחים מיט קיינעם; דו מאך זיך א הויפן ספרים און ווען דו האסט א

איבעריגע מינוט זאלסטו לערנען. זע איין צו האלטן די סדרי הישיבה און אזוי אויך זאלסטו מיטהאלטן די שיעורי הישיבה, זיי מכבד דיינע מגידי שיעורים און אודאי דיין ראש ישיבה, און ביי הפסקה אדער ווען אלע שמועסן וכו׳ דעמאלט זאלסטו זיצן ביי דיין ווינקל און גורס זיין פרקים משיות און דפים גמרא, דאן וועט דיר קיינער נישט שטערן, און אזוי וועסטו זיך איינקויפן א גוטע נאמען, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (תענית ד.): ״הַאי צוּרְבָא מֵרַבָּנַן, דָּמֵי לְפַרְצִידָא דְּתוּתֵי קָלָא, דְּכֵיוָן דְּנָבַט - נָבַט״, א יונגער בחור וואס לערנט פלייסיג איז צוגעגליכנט צו א קעריל וואס מען האט איינגעפלאנצט אין די ערד, קיינער ווייסט נישט פון אים, אבער אזוי ווי ער הייבט אן צו שפראצן זאגט רש״י (שם): ״הוֹלֵךְ וְגָדֵל לְמַעְלָה״, וואקסט ער העכער און העכער.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~

**ווי אזוי געב איך זיך אן עצה מיט מיין נסיון פון כעס?**

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט״א,

ווען עס קומט מיר אונטער א נסיון פון כעס און איך האלט זיך איין, דאן פלאצט עס אויס נאכדעם זייער שטארק, ווען איך רעג זיך אבער יא אויף בשעת מעשה, גייט עס נאכדעם אריבער. איז מיין שאלה וואס ס׳איז בעסער צו טון, למעשה וואלט דאך געווען דאס בעסטע זיך איינצוהאלטן, וואס טו איך אבער אז נאכדעם פלאצט עס אויס אזוי שטארק?

מרדכי

**תשובה:**

בעזרת ה׳ יתברך - ערב שבת קודש פרשת בהר בחקותי, כ״ו אייר, מ״א לעומר, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד מרדכי נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

לערן יעדן טאג די תורה אין ליקוטי מוהר״ן (חלק א׳, סימן סח) וואו דער רבי איז זייער שיין מסביר וואס עס פאסירט ווען מען רעגט זיך אויף, און דו זאלסט זיך גוט מתבודד זיין אויף די תורה, דורכדעם וועט דיר שוין נישט גליסטן זיך אויפצורעגן.

דער הייליגער רבי זאגט דארט אז כעס און געלט קומען פון די זעלבע פלאץ, און יעדעס מאל עס איז באשערט עס זאל קומען אויף א מענטש א רייכטום קומט דער יצר
~~~~~~~~~~

הרע - וואס פארגינט נישט דעם מענטש ער זאל ווערן רייך - און ער ברענגט אים א נסיון פון כעס, און ווען דער מענטש רעגט זיך אויף פארלירט ער די גאנצע עשירות וואס ער האט געדארפט באקומען; כעס איז אבער אזא שטארקע נסיון אז אפילו דער מענטש ווייסט אז דורך די כעס וועט ער פארלירן זיין עשירות - דאך רעגט ער זיך אויף, דערפאר אז דו וועסט אסאך לערנען די תורה און זיך אויסוויינען דערביי, וועט דיר שוין נישט גליסטן זיך אויפצורעגן.

אלע רפואות, עצות און סגולות ליגן אין רבינ'ס תורות, אין ליקוטי מוהר"ן; דער הייליגער רבי האט געזאגט (חיי מוהר"ן, סימן שמט): "שֶׁיְּכוֹלִין לִהְיוֹת נַעֲשֶׂה בַּעַל תְּשׁוּבָה גָּמוּר עַל יְדֵי לִמּוּד הַסֵּפֶר שֶׁלּוֹ", מען קען ווערן אן אמת'ער בעל תשובה אז מען לערנט ליקוטי מוהר"ן, "וְאָמַר, שֶׁמִּי שֶׁיֵּשֵׁב וְיַעֲסֹק בִּסְפָרָיו רַק בְּלִי קֻנְטוּר וְנִצָּחוֹן, וְיִסְתַּכֵּל בּוֹ בֶּאֱמֶת, אָז בְּוַדַּאי יִהְיוּ נִבְקָעִין אֶצְלוֹ כָּל גִּידֵי קַשְׁיוּת לְבָבוֹ", וְאָמַר בְּזוּ הַלָּשׁוֹן: "סֶע וֶועט אִים אַלֶע אָדֶערְן טְרֶענֶען"; ווער עס וועט לערנען זיין ספר מיט אן אמת וועט זיך אים עפענען אלע פארשטאפטע אָדערן, ער וועט ווערן אן ערליכער איד; דערפאר זאלסטו לערנען די תורה פון כעס (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן סח) און זיך גוט אויסוויינען דערביי צום אייבערשטן, וועסטו זוכה זיין צו האבן סבלנות.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~~

**וואס טוט מען מיט א מלמד וואס פירט זיך נישט איידל מיט די קינדער?**

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

אלס קינד אין חדר האב איך געהאט א מלמד וואס פלעגט מיר אנרירן אויף נישט אן איידעלע וועג יעדן טאג פאר א גאנץ יאר, דעמאלט האב איך נישט געוואוסט וואס דאס איז, אבער דאס האט מיר שפעטער אראפגעפירט אין שאול תחתית. דער אייבערשטער האט מיר געהאלפן אז איך האב געטראפן קונטרסים פון מוהרא"ש, און שפעטער אויך אייערע שיעורים, דאס האט געטוישט מיין לעבן צום גוטן און איך בין געווארן א נארמאלער מענטש און אן ערליכער איד, און ב"ה איך האב שיין חתונה געהאט.

דער יעניגער מלמד האט מען ארויסגעווארפן פון חדר א יאר שפעטער, יעצט הער איך אבער אז ער טוט ווייטער מעשים מגונים מיט קינדער, איז מיין שאלה אויב בין איך
~~~~~~~~~~~

מחויב צו גיין צו די פאליציי אים מסר'ן, הייסט דאס מסירה? וואס דארף איך צו טון וועגן דעם?

א גרויסן יישר כח פאר אלע אייערע דרשות, וואס איז ממש מיין חיות און לעבן, נאר אין דעם זכות גיי איך מיט א בארד און פיאות און ציצית און איך האב ליב אידישקייט.

יישר כח

**תשובה:**

בעזרת ה' יתברך - ערב שבת קודש פרשת בהר בחקותי, כ"ו אייר, מ"א לעומר, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

אוודאי זאלסטו גיין צו די פאליציי; אז א מענטש לויפט נאך קינדער און טוט מיט זיי מעשה תועבה וכו', אויף אזא איינעם איז נישט דא קיין שום רחמנות, אזא איינער דארף זיצן אין תפיסה זיין גאנצע לעבן.

דער הייליגער רבי זאגט (ספר המידות, אות ניאוף, חלק ב', סימן ח): "אָסוּר לְלַמֵּד זְכוּת עַל זֶה שֶׁעָבַר עַל מִשְׁכַּב זָכוּר", אויף אזא מענטש טאר מען נישט מלמד זכות זיין; די פארשאלטענע רשעים וואס טוען עבירות מיט קינדער השם ירחם דארף מען איינשפארן אין תפיסה פאר זייער גאנץ לעבן און דארט זאלן זיי אויסגיין.

דער רבי זאגט (ספר המידות, אות פדיון שבויים, סימן ו): "בַּעֲוֹן מִשְׁכַּב-זָכָר נִתְפָּס בִּתְפִיסָה", א מענטש וואס טוט מעשה תועבה רחמנא לצלן וועט אנקומען אין תפיסה; דאס איז ביי סתם מענטשן וכו', כל שכן א מענטש וואס טשעפעט קינדער, דעם דארף מען איינשפארן אין תפיסה.

הער גוט וואס איך זאג דיר: א מענטש וואס נעמט קינדער און ער טוט מיט זיי עבירות, ער באצווינגט זיי וכו' השם ישמרינו, מיט אזא איינעם דארף מען גיין בחומר הדין אן קיין שום רחמנות, אזא איינער איז דער גרעסטער רוצח וואס איז נאר פאראן, ווייל דאס לאזט איבער א שלעכטע פלעק אויף די קינדער פאר זייער גאנצע לעבן.

ביי א מנוול איז נישט דא קיין רחמנות און מען טאר אויף זיי נישט קיין רחמנות האבן, אזוי ווי די הייליגע חכמים זאגן (ילקוט שמעוני, פרק טו, סוף רמז קכא): "כָּל שֶׁהוּא רַחֲמָן עַל אַכְזָרִים לַסּוֹף נַעֲשֶׂה אַכְזָר עַל רַחְמָנִים", ווער עס האט רחמנות אויף אכזרים וועט צום סוף ווערן אן אכזר אויף וועם מען דארף רחמנות האבן; מוהרא"ש זאגט: "א שאד אז די רעגירונג געבט נישט אויף דעם קיין טויט שטראף", ווייל די אלע

קינדער וואס פאלן קרבנות פאר די מנוולים וואקסן אויף בעלי מומין און אזוי פארבלייבן זיי במשך זייער גאנצע לעבן, השם ישמרינו.

איך מוז דיר זאגן אז דו ביסט א העלד; דו שרייבסט אז דו האסט זיך שיין מסדר געווען אין לעבן, דו האסט א צלם אלוקים - בארד און פיאות, דו גייסט מיט ציצית און דו פרייסט זיך מיט דעם, דאס איז זייער א גרויסע זאך, אזוי ווי דער רבי זאגט (ספר המידות, אות שמחה, סימן א): "כְּשֶׁאָדָם עוֹשֶׂה מִצְוָה בְּשִׂמְחָה, זֶה סִימָן שֶׁלִּבּוֹ שָׁלֵם לֵאלֹקָיו", ווען א מענטש איז פריילך און ער טוט די מצוות פריילעכערהייט, איז דאס א סימן אז ער האט נישט קיין קשיות אויפן אייבערשטן.

זע צו לערנען יעדן טאג אפאר פרקים משניות און זע צו זאגן אביסל תהילים; דאס וועט דיר ברענגען נענטער און נענטער צום אייבערשטן.

...

~~~~~~~~~~~

**איך פרוביר זיך צו שטארקן, אבער איך פאל אסאך צוריק, איז דאס עפעס ווערד?**

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך בין א היימישער בחור וואס איז ליידער אריינגעפאלן אין די הענט פון די סטרא אחרא, איך ליג אין שמוץ מיט גאנצן קאפ. למעשה אבער טוישן זיך ביי מיר די גוסטעס יעדן צווייטן טאג, איין טאג קויף איך א סמארט פאון און איך קוק צוזאם אלע שלעכטס פאר א שטיק צייט, נאכדעם כאפט מיר אן התעוררות און איך ווארף עס אוועק, אבער אפאר טעג שפעטער שאף איך זיך שוין ווידער א כלי צו זען וואס מ'דארף נישט.

איך האב שוין פרובירט אלע עצות און עס גייט נישט, איך וויין צום אייבערשטן אבער עס רוקט זיך גארנישט, אפשר וועט איר מיר קענען העלפן. אויך וויל איך וויסן אויב איך האב עפעס אויפגעטון די אלעמאל וואס איך האב עס אוועקגעווארפן, אפילו ווען נאכדעם בין איך צוריק געפאלן.

א גרויסן יישר כח.

**תשובה:**

בעזרת ה' יתברך - ערב שבת קודש פרשת בהר בחקותי, כ"ו אייר, מ"א לעומר, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד הבחור ... נרו יאיר**
~~~~~~~~~~~

איך האב דערהאלטן דיין בריוו

יעדעס מאל וואס א מענטש רייסט זיך אוועק פון אן עבירה, ער איז זיך מתגבר אויפן יצר הרע - איז דאס זייער חשוב ביים אייבערשטן.

דער זוהר הקדוש זאגט (פרשת תרומה, קנ:): "וְלֵית רְעוּתָא טָבָא דְּיִתְאֲבִיד מִקַּמֵּי מַלְכָּא קַדִּישָׁא", קיין איין גוטע מחשבה ווערט נישט פארלוירן ביים אייבערשטן, "וּבְגִין כַּךְ, זַכָּאָה אִיהוּ מַאן דְּמְהַרְהֵר הִרְהוּרִין טָבִין לְגַבֵּי מָארֵיהּ, דְּאַף עַל גַּב דְּלָא יָכִיל לְמֶעְבַּד לוֹן", דעריבער - זאגט דער זוהר - ווארל איז פאר דעם מענטש וואס טראכט גוטע מחשבות, ווייל אפילו ער קען דאס נאך נישט מקיים זיין, "קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא סָלִיק לֵיהּ רְעוּתֵיהּ כְּאִילּוּ עָבִיד", רעכנט אים דער אייבערשטער כאילו ער האט דאס מקיים געווען; דאס הייסט אז אפילו א מענטש זעט זיך אין א טיפע גרוב, ער טוט עבירות רחמנא לצלן און ער קוקט צוזאם די ערגסטע שמוץ, דארף מען פון דארט שרייען צום אייבערשטן: "העלף מיר אייבערשטער! איך וויל זיין גוט, איך וויל זיין ערליך"; די אלע דיבורים און גוטע מחשבות וועט אים העלפן אז ער וועט ווערן אן ערליכער איד.

וואס איז בכלל דיין שאלה צי עס איז חשוב דיינע גוטע מעשים וואס דו טוסט בשעת דו האלסט אין איין צוריק פאלן? יעדע מחשבה וואס א מענטש טראכט נאר לטובה ווערט קיינמאל נישט פארלוירן און זיכער א גוטע דיבור וואס מען רעדט און כל שכן וקל וחומר א גוטע מעשה וואס מען טוט - ווערט קיינמאל נישט פארלוירן ביים אייבערשטן; דעריבער אז דו האסט אוועק געווארפן די סעלפאון האסטו זיכער געמאכט מיט דעם א נחת רוח פארן אייבערשטן און דו וועסט ביים סוף זוכה זיין צו זיין א לויטערער ריינער איד.

וואס האסטו געמיינט אז דער יצר הרע וועט דיר לאזן אוועק גיין פון אים אזוי גרינגערהייט? דו ביסט דאך געווען בעסטע חברים מיט אים, און יעצט ווען דו ווילסט אנטלויפן פון אים מיינסטו אז ער וועט דיר לאזן אנטלויפן?! ער וועט דיר זיכער נישט אפלאזן, ער וועט דיר אראפ ווארפן נאכאמאל און נאכאמאל; אזוי גייט א מלחמה, א פאטש פאר דיר, א פאטש פאר מיר, א קנאק פאר דיר, א קנאק פאר מיר; דער עיקר איז ווער עס געבט דעם לעצטן פאטש.

יעדעס מאל דו וועסט וועלן אנהייבן א נייע לעבן וועט ער צוריק קומען צו דיר און ווייטער ברענען אין דיר; דער עיקר דארף מען האלטן קאפ אויף איין זאך: "איך געב נישט אויף"; "איך גיי נישט אוועק פונעם אייבערשטן"; א מענטש דארף זיין ביי זיך אזוי שטארק אין די אמונה, אז אפילו ער שפירט ווי מען טרייבט אים אוועק פון די קדושה, מען איז אים מרחק מיט אלע סארט התרחקות, מיט דעם אלעם זאגט ער: "איך לאז נישט אפ מיינע גוטע רצונות, איך וויל נאך אלץ זיין אן ערליכער איד".

דער הייליגער תנא רבי שמעון בר יוחאי האט געזאגט פאר זיין זון רבי אלעזר (תיקוני זוהר, תיקון יג; כט.): די אידן זענען צוגעגליכן צו א קעניג וואס האט מלחמה געהאלטן מיט אסאך פעלקער, און מען האט נישט געוואוסט ווער עס האט באזיגט די מלחמה, "אָמַר, תִּסְתַּכְּלוּן בְּאִלֵּין דִּרְשִׁימִין בְּמָאנֵי קְרָבָא בִידַיְיהוּ, וְתִנְדְּעוּן מָאן נָצַח דִּינָא", האט מען געזאגט א סימן, מען זאל קוקן ווער עס האלט די געווער אין די הענט - דער האט מנצח געווען. אזוי איז ווען מען זעט די אידישע קינדער האלטן די ד' מינים אין זייערע הענט, דורכדעם ווייסט מען אז זיי האבן מנצח געווען די אומות העולם; פרעגט רבי נתן א שטארקע קשיא (ליקוטי הלכות שבת, הלכה ז, אות נד): לכאורה, ביי א מלחמה, ווען מען זעט ווער עס האט איינגענומען דעם מדינה און אויסגע'הרג'עט זיינע פיינט אזוי ווייסט מען ווער עס איז דער געווינער, ממילא וואס איז די שאלה ווער עס האט מנצח געווען; נאך איז שווער, וואסערע מין תירוץ איז דאס אז ווער עס האלט די געווער אין די האנט דער האט געווינען, אדרבה, ווער עס האט געווינען די מלחמה דארף שוין נישט האלטן קיין געווער, און ווער עס האלט נאך יא די געווער איז א קלארער סימן אז ער האט נאך נישט געווינען די מלחמה?! ענטפערט רבי נתן זייער שיין, אין הכי נמי, סתם אזוי ביי א מלחמה נאכדעם וואס מען איז מנצח דעם שונא דארף מען טאקע שוין נישט קיין געווער, אבער ביי די מלחמת היצר וואס גייט אן אגאנץ לעבן, איז דער עיקר נצחון אז מען געבט נישט אויף צו קעמפען; ווער איז דער מנצח? דער וואס לאזט נישט אפ דעם געווער, און ווי לאנג מען האלט דעם געווער - וואס דאס איז תפילה, אזוי ווי עס שטייט (בראשית מח, כב): "בְּחַרְבִּי וּבְקַשְׁתִּי", זאגט דער תרגום: "בִּצְלוֹתִי וּבְבָעוּתִי" - ווייזט דאס אז דער איז דער געווינער; דאס זאגט דער זוהר: "מָאן נָצַח דִּינָא?" ווער איז דער געווינער? דער וואס האלט די געווער אין האנט.

וואויל איז דיר אז דו האסט אוועק געווארפן אלע וועגן ווי אזוי צו קוקן שמוץ, אין דעם זכות וועסטו טרעפן א גוטע שידוך און אויפשטעלן א שיינע שטוב.

זע צו לערנען משניות יעדן טאג; משניות האט א כח ארויסצורייסן דעם מענטש פון די טומאה.

אויך זאלסטו לערנען יעדן טאג א דף גמרא; אין אנהייב וועט דיר זיין זייער שווער צו פארשטיין וואס דו לערנסט ווייל א מענטש וואס האט שוין צאמגעקוקט אלע עקעלדיגע מאוויס רחמנא לצלן און איז אראפגעפאלן אין פגם הברית - הוצאת זרע לבטלה רחמנא לצלן פארלירט זיין מח; דעריבער דארף מען קודם אסאך זאגן די ווערטער פון די תורה ביז מען איז זוכה צו פארשטיין.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...